בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה אוּן פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַארְ'ן לֶעבְּן, גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

## פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי

תש"פ

היכל הקודש

צו באקומען וועכענטליך די עצתו אמונה רופט: 718-387-2691

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

| | |
|---|---|
| **היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Breslev<br>181 Huschke Road<br>Liberty NY 12747 | **היכל הקודש וויליאמסבורג**<br>Heichal Hakodesh<br>Williamsburg<br>27 Skillman Street<br>Brooklyn NY 11205<br>1-718-384-1652 |
| **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Hayes Ct.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-467-5299 | **היכל הקודש קרית יואל**<br>Heichal Hakodesh<br>Kiryas Joel<br>8 Premishlan Way.<br>Monroe NY 10950<br>1-845-243-0563 |
| **היכל הקודש בארא פארק**<br>Heichal Hakodesh<br>Boro Park<br>1011 41 Street<br>Brooklyn NY 11219<br>1-718-384-1652 | **היכל הקודש מאנסי**<br>Heichal Hakodesh<br>Monsey<br>32 Dolson Road<br>Monsey NY 10952<br>1-347-733-7551 |

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

צו הערן די הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א רופט:

| | |
|---|---|
| **קול**<br>**ברסלב**<br>**212-444-9191** | **חיזוק פאר די**<br>**אידישע שטוב**<br>**212-444-9191** |

## חיזוק יומי

**צו באקומען די חיזוק יומי**

| | |
|---|---|
| **אימעיל** | **טעלעפאון מעסידזשינג** |
| chizikyomi@gmail.com | 347-630-2876 |

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין מַאן אִיז נָאר פַארְנוּמֶען צוּ הֶערְן נַייעֶס?..א

קֶענֶען מִיר נִישְׁט וֶוערְן וִוי דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים?..........................ג

וִוי אַזוֹי קֶען מֶען עֶנְטְפֶערְן שְׁוֶוערֶע שְׁאֵלוֹת פוּן בָּחוּרִים?.........ח

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי וָואס טוּעֶן דִיר טוֹבוֹת ..........א

גֶעבְן אַ נָאמֶען נָאךְ אַ צַדִיק..................................................ב

גֵיין שְׁווִימֶען מִיט צְנִיעוּת ....................................................ג

אַז מֶען קוּקְט מִיט רַחֲמָנוּת אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ.........................ד

אַז דַיין וַוייבּ הָאט מוֹרָא, טָארְסְטוּ נִישְׁט חוֹזֶק מַאכְן פוּן אִיר....ה

קוּם נִישְׁט וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל, אוֹיבּ דַיין וַוייבּ וִויל נִישְׁט ......ז

עֶס לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט צוּ קְרִיגְן ...............................................ח

אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶ' מִיט אַייעֶרע זִכְרוֹנוֹת פוּן מוֹהֲרָא"שׁ .............ח

אַז דִי תַּלְמִידִים שְׁטַארְקְן זִיךְ, גֶעבְּט דָאס כֹּחַ צוּ גֵיין וַוייטֶער ...ט

צִי מֶען אִיז גְרוֹיס אָדֶער מֶען אִיז קְלֵיין, נָאר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן .....י

זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיטְ'ן עֵירוּב..................................................יא

וֶוער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן וֶוען דוּ זֶעסְט אַז דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אָן אִין
עֶרְגֶעץ ..........................................................................יב

פָארְן זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג אִין שְׁטֶעטְל ..................................יד

וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט וִוי גֶעפְּלַאנְט .......יד

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט נִישְׁט פַּיינְט הָאבְּן דָאס שְׁטֶעטְל ............ טו

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג גוּט ............ כ

אִין דִי זוּמֶער וָואכְן קֶענְסְטוּ אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין שְׁטוּב ............ כ

מְשַׁמֵשׁ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטְ׳עֶ זַאךְ ............ כא

טוּן וָואס דֶער דָאקְטֶער זָאגְט ............ כב

שִׁיק מִיר נָאךְ קְמֵעוֹת ............ כג

עֶנְדִיגְן דִי שֶׁענְק אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ ............ כג

אֵיין קוּק וֵוינִיגֶער אִיז אֵיין בְּרֵי וֵוינִיגֶער פַאר דִי נְשָׁמָה ............ כד

שְׁטַארְק זִיךְ בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז וַוייטֶער צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת ............ כה

הֶעלְף אַרוֹיס צוּרִיקְבַּאקוּמֶען דִי גֶע׳גַנְבְ׳טֶע גֶעלְט ............ כו

טוּ אַלֶעס וָואס דוּ קֶענְסְט אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת ............ כו

זַיי מְוַותֵּר ............ כח

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין מַאן אִיז נָאר פַארְנוּמֶען צוּ הֶערְן נַייֶעס?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מִיר הָאבְּן זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן אַייעֶרע שֵׁיינֶע שִׁיעוּרִים, דָאס גֶעבְּט אוּנְז אַסַאךְ חִיזוּק, אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ.

אִיךְ הָאב בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ וואוֹילֶער מַאן, אָבֶער לֶעצְטְנְס שְׁטֶערְט מִיר זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז עֶר הֶערְט אַסַאךְ נַייֶעס אַסַאךְ צַייט אִין טָאג. אִיךְ הָאב נִישְׁט קַיין צַייט צוּ רֶעדְן צוּ אִים, אִיךְ שְׁפִּיר אַז עֶר אִיז מֶער אִינְטֶערֶעסִירְט אִין דִי נַייֶעס וִוי אִין מִיר, אוּן דָאס נֶעמְט מִיר אַוֶּועק דִי אַפֶּעטִיט פוּן זִיךְ רֵיינִיגְן אוּן זִיךְ מַאכְן גְרֵייט פַאר אִים. וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

צְוֵוייטְנְס וִויל אִיךְ פְרֶעגְן, אִיךְ שְׁפִּיר אַז דֶער עֵייבֶערְשְׁטֶער וִויל עֶפֶּעס פוּן מִיר, אִיךְ וֵוייס אָבֶער נִישְׁט וָואס. וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ וִויסְן וָואס דֶער עֵייבֶערְשְׁטֶער וִויל אִיךְ זָאל פַארְרֶעכְטְן?

דְרִיטְנְס, מִיר הַאלְטְן שׁוֹין אַ שֵׁיינֶע פָּאר יָאר נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוּן מִיר הָאבְּן נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶועןְ צוּ קִינְדֶער, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ דֶערְהַאלְטְן, אוּן וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן קִינְדֶער?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י"ח תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**מָרַת ... תִּחְיֶ'.**

**אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.**

עֶס אִיז נִישְׁט גֶעפֶערְלִיךְ אַז אַייעֶר מַאן וִויל הֶערְן אַבִּיסְל נֵייעֶס; דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז עֶר אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין אַייךְ, מֶען מֶעג הֶערְן אַבִּיסְל נֵייעֶס זִיךְ אוֹיסְצוּלוּפְטֶערְן.

אִיר דַארְפְט פַארְשְׁטֵיין אַז פּוּנְקְט וִוי אִיר זֶענְט צֶעבְּרָאכְן אַז אִיר הָאט נָאךְ נִישְׁט קַיין קִינְדֶער, אַזוֹי אִיז אַייעֶר מַאן נָאךְ מֶער צֶעבְּרָאכְן; עֶר הָאט צְוֵויי דַאֲגוֹת: אֵיין דַאֲגָה וֶועגְן קִינְדֶער אוּן נָאךְ אַ דַאֲגָה וִוי אַזוֹי עֶר קֶען אַייךְ פְרֵיילִיךְ מַאכְן, עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר אַ מַאן צוּ זֶען זַיין וַוייבּ צֶעבְּרָאכְן אוּן דֶערְשְׁלָאגְן, דֶערִיבֶּער וִויל עֶר זִיךְ אַבִּיסְל אוֹיסְבְּלָאזְן דִי נֶערְוְון, דֶערְפַאר הֶערְט עֶר צוּ צוּ דִי נֵייעֶס.

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אַייךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק, עֶס זָאל אַייךְ נִישְׁט שְׁטֶערְן אַז אַייעֶר מַאן וִויל אַבִּיסְל הֶערְן נֵייעֶס וְכוּ׳; אַז עֶר הֶערְט דִי נֵייעֶס מֵיינְט נָאךְ נִישְׁט אַז עֶר אִיז נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט אִין אַייךְ.

חַס וְשָׁלוֹם צוּ טְרַאכְטְן אַזֶעלְכֶע מַחֲשָׁבוֹת פוּן זִיךְ נִישְׁט רֵיינִיגְן וְכוּ׳, דָאס אִיז אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה; אוֹיבּ מֶען רֵיינִיגְט זִיךְ נִישְׁט אִין צַייט בַּאקוּמְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶשׁ, אָפְּגֶערֶעדְט אַז דָאס אִיז נִישְׁט שֵׂכֶל׳דִיג, דָאס מַאכְט נָאר עֶרְגֶער; מֶען קֶען נִישְׁט פּוֹעֵל׳ן מִיט דֶעם וֶועג.

אוֹיף דִי צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע, ׳וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל פוּן אַייךְ׳; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל אַז אִיר זָאלְט זִיךְ מְבַטֵל זַיין צוּ אִים, אִיר זָאלְט אִים גְלֵייבְּן אוּן אִיר זָאלְט אִים גֶעטְרוֹיעֶן. אוּנְזֶער אַרְבֶּעט אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז צוּ גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר טוּט אַלֶעס אוּן עֶר מַאכְט אַלֶעס, אַז אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט אִיז פוּן אִים אוּן אַלֶעס אִיז מִיט אַ רִיכְטִיגְקֵייט, אַזוֹי אוֹיךְ אַז מִיר זָאלְן אַיינֶערְקֶענֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר זָאלְן גְלֵייבְּן אַז אַלֶעס וָואס עֶר טוּט אִיז גוּט.

בְּנוֹגֵעַ קִינְדֶער וְכוּ׳; בֶּעטְס דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אוֹיף אַייעֶר שְׁפְּרַאךְ עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אַייךְ אַז אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ קִינְדֶער, דוּרְכְדֶעם וֶועט אִיר זוֹכֶה זַיין בְּקָרוֹב צוּ הָאבְּן קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## קֶענֶען מִיר נִישְׁט וֶוערְן ווי דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים ?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע חִיזוּק בְּרִיוו וָואס אִיךְ בַּאקוּם, דָאס גֶעבְּט מִיר אַסַאךְ חִיזוּק און כֹּחַ וַוייטֶער אָנְצוּגֵיין.

אוֹיף דִי פְרַאגֶע וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט אִיבֶּער ווֶעלְכֶע סָארְט מַעֲשִׂיוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר קִינְדֶער, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מִיר גֶעשְׁרִיבְּן: "דֶערְצֵייל פַאר דִי קִינְדֶער אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת פוּן צַדִיקִים; עֶס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן יָא נָאכְמַאכְן נִישְׁט נָאכְמַאכְן, ווייל מִיר דַארְפְן ווִיסְן אַז מִיר זֶענֶען זֵייעֶר ווַייט פוּן זַיין אַ צַדִיק, מִיר זֶענֶען זֵייעֶר ווַייט פוּן וָואס מִיר דַארְפְן בֶּאֱמֶת זַיין, אָבֶּער אוֹיבּ מִיר ווֶעלְן זַיין מְקוּשָׁר צוּ צַדִיקִים, מִיר ווֶעלְן גְלֵייבְּן אִין זֵיי און פָאלְגְן וָואס זֵיי זָאגְן - ווֶעלְן מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ ווֶוערְן צַדִיקִים".

אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן אַבִּיסְל צֶעבְּרָאכְן לֵיינֶענְדִיג דָאס, ווַייל דִי גַאנְצֶע זַאךְ פַארְוָואס אִיךְ הָאבּ מִיר צוּגֶעכַאפְּט צוּם רֶבִּי'ן אִיז דָאךְ גֶעוֶוען נָאר ווַייל דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז מֶען קֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק בְּלוֹיז מִיטְ'ן זִיךְ פִירְן בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת און אִיךְ פְּרוּבִּיר זֵייעֶר שְׁטַארְק זִיךְ צוּ פִירְן אוֹיף דֶעם ווֶעג, אִיךְ לֶערְן אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד, אִיךְ רֶעד אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ פְּרוּבִּיר זֵייעֶר שְׁטַארְק צוּ מְכַבֵּד זַיין מַיין ווַייבּ, און אִיךְ הָאבּ פַארְשְׁטַאנֶען אַז ווֶוען מֶען פִירְט זִיךְ אַזוֹי ווֶוערְט מֶען אַ צַדִיק, אִיז וָואס דַארְף אִיךְ נָאךְ חוּץ פוּן דֶעם?

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז דֶער אֵיינְצִיגְסְטֶער וָואס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ ווֶעג צוּ זַיין אַ צַדִיק, און יֶעצְט זֶע אִיךְ אַז אִיךְ בִּין נָאךְ זֵייעֶר ווַייט פוּן דֶעם, אִיז וָואס אִיז יָא דִי ווֶעג צוּ ווֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

### תְּשׁוּבָה:

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ״ג תַּמּוּז, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס דוּ בִּיסְט צֶעבְּרָאכְן גֶעוָוארְן פוּן דִי בְּרִיוו [דֶער בְּרִיוו אִיז בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו].

ווֶוען מִיר קוּקְן זִיךְ אָן ווִי אַזוֹי מִיר זֶעעֶן אוֹיס דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זַיין צֶעבְּרָאכְן, אָבֶּער אַז מִיר קוּקְן אוֹיף דִי צַדִיקִים, מִיר זֶענֶען מְקוּשָׁר צוּ צַדִיקֵי אֱמֶת שַׂרְפֵי מַעְלָה ווֶעלְכֶע זֶענֶען עוֹסֵק בְּתִקּוּן הָעוֹלָם, זֵיי זֶענֶען אוּנְז מְתַקֵן - דֶעמָאלְט

דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ.

מִיר טָארְן זִיךְ נִישְׁט לָאזְן נַארְן, מִיר דַארְפְן וויסְן אַז מִיר זֶענֶען נָאךְ זֵייעֶר זֵייעֶר וַוייט פוּן וָואס מִיר דַארְפְן זַיין; אֲפִילוּ מִיר וֶועלְן פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן מְתַקֵּן זַיין, וָואס וֶועט זַיין מִיט דִי צַייט וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן? אִין דִי צַייט וָואלְטְן מִיר דָאךְ גֶעקֶענְט טוּן גוּטֶע זַאכְן, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן מט): "אִיר דַארְפְט זִיךְ זֵייעֶר יָאגְן אַרַיינְצוּכַאפְּן גוּטְס, אִיר זָאלְט נָאךְ קֶענְין עֶפִּיס אַרַיין כַאפִּין"; כְּדֵי אָנְצוּפוּלְן דִי טֶעג אוּן יָארְן וָואס מִיר הָאבְן גֶעטוּן נַארִישְׁקֵייטְן.

אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט פַארְוָואס דוּ בִּיסְטוּ אַזוֹי צֶעבְרָאכְן פוּן דִי בְּרִיוו, וָואס מֵיינְסְטוּ - מִיר זֶענֶען שׁוֹין פַארְטִיג, מִיר זֶענֶען שׁוֹין וִוי אַזוֹי מִיר דַארְפְן זַיין? מִיר דַארְפְן וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן אַז מִיר זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן; קוּק אַ לָשׁוֹן פוּן רֶבִּי'ן וִוי אַזוֹי מִיר דַארְפְן וֵוינֶען, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן לט): "וְרָאוּי לָנוּ לוֹמַר זֹאת בִּבְכִיָּה, בִּדְמָעוֹת שָׁלִישׁ, לִבְכּוֹת, וּלְהִתְגַּעְגֵּעַ, לְבַקֵּשׁ וּלְהִתְחַנֵּן לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ", מִיר דַארְפְן וֵויינֶען מִיט הֵייסֶע טְרֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מִיר דַארְפְן וֵויינֶען, בֶּענְקֶען אוּן בֶּעטְן: "מָתַי נִזְכֶּה לָזֶה, שֶׁיִּהְיֶה לָנוּ זֶה הַדַּעַת", וֶוען וֶועלְן מִיר שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם, "שֶׁנּוּכַל לָדַעַת וּלְהַכִּיר הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ מִכָּל דָּבָר שֶׁל זֶה הָעוֹלָם בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת", **רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, וֶוען וֶועל אִיךְ הָאבְן דֶעם שֵׂכֶל, אִיךְ זָאל וויסְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוֹיסֶער דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וֶוען וֶועל אִיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְן מִיט דִיר אוּן זֶען אִין יֶעדֶע זַאךְ נָאר דִיר,** "וּכְפִי הַמַּדְרֵגָה פְּחוּתָה שֶׁלָּנוּ עַתָּה, וְכֻלָּנוּ אֵין פָּנֵינוּ יָפוֹת כְּלָל", וַוייל וִוי אַזוֹי מִיר זֶעעֶן דֶערְוַוייל אוֹיס זֶענֶען מִיר נָאךְ זֵייעֶר וַוייט פוּן דָאס אַלֶעס, "אָנוּ צְרִיכִין שֶׁיְּרַחֵם עָלֵינוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, לִתֵּן לָנוּ מַנְהִיג רוֹעֶה נֶאֱמָן, שֶׁיּוּכַל לְהָאִיר בָּנוּ יְדִיעָה הַנַּ"ל, כְּדֵי שֶׁנּוּכַל לְעָבְדוֹ יִתְבָּרַךְ כָּרָאוּי וְלָבוֹא אֶל הַתַּכְלִית", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְן אוֹיף אוּנְז, אוּנְז בְּרֶענְגֶען צוּם אֶמֶת'ן צַדִּיק וָואס וֶועט אַרַיין שַׁיינֶען אִין אוּנְז אַז מִיר זָאלְן אַיינֶערְקֶענֶען אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; וַוייל וֶוען מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הָאבְן אַ צַדִּיק אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ דֶעמָאלְט זֶענֶען אַלֶע זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי גְרֶעסְטֶע מַדְרֵיגָה, אֲפִילוּ אַ פָּחוֹת שֶׁבַּפְּחוּתִים, אֲפִילוּ דִי וָואס זֶענֶען בִּבְחִינַת שִׁפְחָה, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְכִילְתָּא בְּשַׁלַּח מַסֶכְתָּא דְּשִׁירָה, פֶּרֶק ג): "רָאֲתָה שִׁפְחָה עַל הַיָּם", דִי דִינְסְטְן הָאבְן גֶעזֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי קְרִיאַת יַם סוּף, מִיט אַזָא שְׁטַארְקֶע

אֱמוּנָה, "מַה שֶּׁלֹּא רָאָה יְחֶזְקֵאל בֶּן בּוּזִי", מֶער ווי וָואס יְחֶזְקֵאל הַנָּבִיא הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען; וַוייל וֶוען מֶען הָאט אַ צַדִּיק, אַ מַנְהִיג אֲמִתִּי - בְּרֶענְגְט עֶר אַרַיין אַזַא שְׁטַארְקֶע און קְלָארֶע אֱמוּנָה אֲפִילוּ אִין דִי וָואס זֶעהֶען נָאךְ וַוייט.

מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים אִינֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, וֶועסְטוּ אָנְהֵייבְּן זֶען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מִיר טוּעֶן, דוּ וֶועסְט וֶוערְן פְרֵיילִיךְ און שְׁפִּירְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן שְׁוֶועֶרֶע גֶעפִילְן; דוּ וֶועסְט אָנְהֵייבְּן זֶען אַז מִיר זֶענֶען נָאךְ זֵייעֶר וַוייט. וַוייל וֶוען מֶען הֵייבְּט אָן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים מֶען הֵייבְּט אָן טְרֶעטְן אוֹיף דִי שְׁטוּיב פוּן דִי צַדִּיקִים - הֵייבְּט מֶען אָן שְׁרֵייעֶן וָואס דִי גַּזְלָנִים הָאבְּן גֶעשְׁרִיגְן: "וֵויי אִיז מִיר, אַזוֹינְס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן? גִיוַואלְד גֶעבּ מִיר אַ תְּשׁוּבָה". (עַיֵּין סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דִי בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

## וֶועלְכֶע סָארְט מַעֲשִׂיּוֹת דֶערְצֵיילְט מֶען פַאר קִינְדֶער?

### שְׁאֵלָה:

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר דִי שֵׁיינֶע בְּרִיוו וָואס אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אִיבֶּער זִיךְ שְׁטַארְקְן אִין שְׁמִירַת הַזְּמַנִּים אַלְס מְלַמֵּד.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט דָארְט אוֹיךְ גֶעשְׁרִיבְּן אִיבֶּער דִי גְרוֹיסְקֵייט צוּ דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים פַאר דִי קִינְדֶער, הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט קְלָאר מַאכְן אִיבֶּער וֶועלְכֶע סָארְט מַעֲשִׂיּוֹת דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א רֶעדְט, וַוייל עֶס זֶענֶען דָא מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים וָואס אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ פַאר קִינְדֶער נָאכְצוּמַאכְן, דָאס וֶועט נָאר אוֹיפְטוּן אַז דִי קִינְדֶער וֶועלְן מֵיינֶען אַז צוּ זַיין אַ צַדִּיק דַארְף מֶען זַיין מַמָּשׁ אַ מַלְאָךְ, וִוידֶער אִיז דָא מַעֲשִׂיּוֹת וָואס קִינְדֶער קֶענֶען יָא נָאכְמַאכְן, צוּם בֵּיישְׁפִּיל דִי מַעֲשֶׂה פוּן רֶבִּי אַבִישְׁ'ל פְרַאנְקְפוּרְטֶער וָואס הָאט אַסַאךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז זַיין קָאפּ הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען. און דָאס גְלַייכְן, אַזֶעלְכֶע סָארְט מַעֲשִׂיּוֹת ווי צַדִּיקִים הָאבְּן שְׁטַארְק אַכְטוּנְג גֶעגֶעבְּן נִישְׁט מְצַעֵר צוּ זַיין אַ צְווייטְן וְכַדּוֹמֶה.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר דָאס קֶענֶען קְלָאר מַאכְן.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת קֹרַח, ב' דְּרֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

וֶוען מֶען דֶערְצֵיילְט מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים דַארְף מֶען וִויסְן וִוי אַזוֹי דָאס צוּ דֶערְצֵיילְן, מֶען דַארְף זֵיי גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַז צַדִּיקִים הָאבְּן אוֹיךְ גֶעהַאט יוּנְגֶערְהֵייט אַ יֵצֶר הָרָע אוּן הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן מ"ח): "אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּן אֱמֶת'עֶ צַדִּיקִים, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶעהַאט שְׁוֶועֶרֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ וִוי קֵיינֶער דַארְף זֵיי נִישְׁט, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט שְׁוֶועֶרֶע מִלְחָמוֹת - בִּיז זֵיי הָאבְּן מְנַצֵּחַ גֶעוֶוען דֶעם יֵצֶר הָרָע".

מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג פַאר עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, בִּפְרָט פַאר קִינְדֶער. עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעפְרֶעגְט דֶעם מְלַמֵּד פוּן זַיינֶע קִינְדֶער צִי עֶר לֶערְנְט מִיט זֵיי מוּסָר, וֶוען דֶער מְלַמֵּד הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר לֶערְנְט מִיט זֵיי חוֹבוֹת הַלְּבָבוֹת אוּן נָאךְ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער דִּבְרֵי חַיִּים זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעזָאגְט פַאר'ן מְלַמֵּד: "נִישְׁט דָאס מֵיין אִיךְ, אִיךְ ווִיל אַז דוּ זָאלְסְט זֵיי דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' אֱלִימֶלֶךְ אוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ", וַוייל מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים פְלַאקֶערְט אוֹיף דָאס הַארְץ, בִּפְרַט קִינְדֶער - וֶוען זֵיי הֶערְן מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים בְּרֶענְגְט עֶס אַרַיין אִין זֵיי אַ חֵשֶׁק אוּן אַ גְלִיסְטֶענִישׁ אוֹיךְ צוּ וֶועלְן זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג.

עֶס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן אוֹיבּ מֶען קֶען נָאכְמַאכְן דִי מַעֲשֶׂה אָדֶער נִישְׁט, וַוייל מִיר קֶענֶען טַאקֶע נִישְׁט נָאכְמַאכְן דִי מַעֲשִׂיּוֹת וָואס צַדִּיקִים טוּעֶן. צוּם בֵּיישְׁפִּיל מֶען דֶערְצֵיילְט פַאר קִינְדֶער דִי מַעֲשֶׂה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אַז עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי זַיין אֵיינִיקְל וֵויינְט, אַ קְלֵיינְטְשִׁיג קִינְד וֵויינְט אִין שׁוּיס פוּן זַיין מַאמֶע אוּן הַאקְט דִי מַאמֶע, הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן: "אוֹי וֵויי, אוֹי וֵויי אִיז מִיר, שְׁלָאגְן אַ מַאמֶע?!" דָארְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ'ס מַאמֶע, הָאט זִי אִים גֶעזָאגְט: "וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַ קְלֵיינְטְשִׁיג קִינְד הָאסְטוּ מִיר אוֹיךְ גֶעשְׁלָאגְן..."

ווי נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז עֶר גֶעלָאפְן צוּם אוֹיְוון אוּן עֶר הָאט אַרַיין גֶעלֵייגְט זַיינֶע הֶענְט אִין פֵייעֶר, עֶר הָאט גֶעוֵויינְט צוּ זִיךְ אוּן גֶעזָאגְט: "הֶענְט וָואס שְׁלָאגְן אַ מַאמֶע דַארְף מֶען פַארְבְּרֶענֶען", בִּיז עֶר הָאט זִיךְ פַארְבְּרֶענְט זַיינֶע הֶענְט.

דֶעם קוּמֶענְדִיגְן טָאג הָאט עֶר גֶעוָואלְט דַאוֶוענֶען אוּן לֵייגְן תְּפִילִין – הָאט עֶר גֶעבֶעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, מֵיילֶעךְ וִויל לֵייגְן תְּפִילִין אָבֶּער מֵיילֶעךְ הָאט נִישְׁט קַיין הֶענְט", הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט אַ נֵס אַז זַיינֶע הֶענְט הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעהֵיילְט.

אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת דַארְף מֶען דֶערְצֵיילְן פַאר קִינְדֶער זֵיי אוֹיסְצוּלֶערְנֶען אַז מֶען טָאר נִישְׁט שְׁלָאגְן אַ מַאמֶע, אוּן זֵיי זָאלְן זֶען וָואס אַ צַדִּיק אִיז, עֶר טוּט תְּשׁוּבָה אוֹיף עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אִין דִי צַייט וֶוען עֶר הָאט נָאךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין שֵׂכֶל, אוּן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען אַז וֶוען מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הֶעלְפְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

דֶערְצֵייל זֵיי אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ הָאט גֶעפַאסְט מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת פַאר אֵיין אוּן צְוָואנְצִיג יָאר; זִיבְּן יָאר פַאר זַיינֶע עֲבֵירוֹת, זִיבְּן יָאר פַאר זַיינֶע קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ אוּן נָאךְ זִיבְּן יָאר פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער עֶס זָאל זֵיי גוּט זַיין; מִיר קֶענֶען דָאס נִישְׁט נָאכְמַאכְן אוּן מִיר טָארְן דָאס נִישְׁט נָאכְמַאכְן, דָאךְ דַארְפְן מִיר וִויסְן וָואס צַדִּיקִים זֶענֶען גֶעוֶוען, אוּן אַז מִיר וֶועלְן זַיין דָּבוּק צוּ זֵיי, מִיר וֶועלְן לֶעבְּן מִיט צַדִּיקִים – וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זַיין גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים. אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כֵּלִים יב, יב): "כָּל הַמְחֻבָּר לְטָהוֹר – טָהוֹר", וֶוער עֶס אִיז בַּאהָאפְטְן צוּ אַ טָהוֹר אִיז אוֹיךְ רֵיין.

דֶערְצֵייל פַאר דִי קִינְדֶער אַלֶע מַעֲשִׂיּוֹת פוּן צַדִּיקִים; עֶס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן יָא נָאכְמַאכְן נִישְׁט נָאכְמַאכְן, וַוייל מִיר דַארְפְן וִויסְן אַז מִיר זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן זַיין אַ צַדִּיק, מִיר זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן וָואס מִיר דַארְפְן בֶּאֱמֶת זַיין, אָבֶּער אוֹיבּ מִיר וֶועלְן זַיין מְקוּשָּׁר צוּ צַדִּיקִים, מִיר וֶועלְן גְלֵייבְּן אִין זֵיי אוּן פָאלְגְן וָואס זֵיי זָאגְן – וֶועלְן מִיר אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן צַדִּיקִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.]

...

### ווי אַזוֹי קֶען מֶען עֶנְטְפֶערְן שְׁוֶועֶרֶע שְׁאֵלוֹת פוּן בָּחוּרִים?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם עֶרְשְׁט וויל אִיךְ זִיךְ שְׁטַארְק בַּאדַאנְקֶען אוֹיף דִי תְּשׁוּבָה [זֶע דֶער בְּרִיוו בַּייגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן דֶעם בְּרִיוו] וָואס אִיר הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אִיבֶּער רֶעדְן צוּ בָּחוּרִים פוּן דִי עֵצוֹת וָואס אִיר זָאגְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶס אִיבֶּערְצֵויזָאגְן אֶן אַ נָאמֶען.

אִיךְ ווִיל אָבֶּער אַבִּיסְל בֶּעסֶער עֶרְקְלֶערְן מַיין צְווייטֶע שְׁאֵלָה. מַיין שְׁאֵלָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען 'ווִי אַזוֹי מֶען נֶעמְט כֹּחַ אוּן קְרַאפְט צוּ עֶנְטְפֶערְן שְׁאֵלוֹת פוּן בָּחוּרִים', מַיין שְׁאֵלָה אִיז גֶעוֶוען ווִי אַזוֹי נֶעמְט מֶען אַ 'כֹּחַ הַהַכְרָעָה אוּן שֵׂכֶל' וָואס אוּן ווִי אַזוֹי צוּ עֶנְטְפֶערְן אַ רִיכְטִיגֶע תְּשׁוּבָה פַאר אַ בָּחוּר אוֹיף אַ שְׁאֵלָה וָואס אִיךְ הָאב נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אָדֶער גֶעלֶערְנְט אִיבֶּער דֶעם פוּן פְרִיעֶר', בִּפְרַט וֶוען עֶס אִיז דָא גָאר שְׁוֶועֶרֶע שְׁאֵלוֹת פוּן אַ יוּנְגֶער בָּחוּר וָואס דַארְף אַ רִיכְטִיגֶע אוּן קְלָארֶע תְּשׁוּבָה פַאר זַיין טָאג טֶעגְלִיכְן לֶעבְּן.

נָאכְאַמָאל אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ אוֹיף אַייעֶר עֲבוֹדַת הַקּוֹדֶשׁ, אִיר זָאלְט שְׁטֶענְדִיג קֶענֶען מְחַזֵּק זַיין אוּן מְקָרֵב זַיין אִידְן לְאָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם.

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אִיז אַלֶעס דָא; וֶוער עֶס לֶערְנְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים בַּאקוּמְט זֵייעֶר אַ גְרָאדֶע שֵׂכֶל, אַ קְלָארֶע פַארְשְׁטַאנְד. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שמז): "שֶׁיְּכוֹלִין לִהְיוֹת נַעֲשֶׂה בַּעַל מֹחַ גָּדוֹל עַל יְדֵי סְפָרוֹ", וֶוער עֶס וֶועט לֶערְנֶען זַיינֶע סְפָרִים וֶועט בַּאקוּמֶען אַ טִיפֶע מֹחַ, "כִּי יֵשׁ בּוֹ שֵׂכֶל גָּדוֹל וַעֲמֻקּוֹת נִפְלָא מְאֹד עַל פִּי פְּשׁוּטָן שֶׁל דְּבָרִים", ווייל אִין דִי סְפָרִים לִיגְט אַ טִיפֶע שֵׂכֶל, מֶען בַּאקוּמְט שֵׂכֶל צוּ ווִיסְן ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין יֶעדְן פְּרַט.

בִּפְרַט דַארְפְן דִי וָואס זֶענֶען עוֹסֵק מִיט בְּנֵי הַנְּעוּרִים - לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, ווייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רנח): "הָיִיתִי סָבוּר שֶׁהַיֵּצֶר הָרָע שֶׁלִּי אוֹמֵר לִי שֶׁאֵין מִי שֶׁיּוּכַל לְהַנְהִיג אֶת בְּנֵי הַנְּעוּרִים כָּמוֹנִי", אִין אָנְהֵייב הָאב אִיךְ גֶעמֵיינְט אַז דָאס וָואס אִיךְ טְרַאכְט אַז נָאר אִיךְ פַארְשְׁטֵיי צוּ דִי יוּנְגְוַוארְג, אִיךְ קֶען זַיין זֵייעֶר מַנְהִיג - דָאס זָאגְט מִיר דֶער יֵצֶר הָרָע, "עַכְשָׁו אֲנִי יוֹדֵעַ בְּבֵרוּר אַז

אִיךְ בִּין אֵיין מַנְהִיג, וְאֵין מַנְהִיג כָּמוֹנִי", יֶעצְט וֵוייס אִיךְ קְלָארֶערְהֵייט אַז נָאר אִיךְ פַארְשְׁטֵיי צוּ דִי יוּגֶענְט, נָאר אִיךְ קֶען זַיין זֵייעֶר פִּירֶער; אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט הַיינְטִיגֶע צַייטְן אַז קֵיינֶער הָאט נִישְׁט קַיין שְׁפְּרַאךְ צוּ דִי יוּגֶענְט, אַלֶע חֲכָמִים אוּן פּוֹתְרֵי חֲלוֹמוֹת בְּרֶעכְן זִיךְ קָאפּ: 'וָואס טוּט מֶען מִיט דִי יוּגֶענְט? וָואס טוּט מֶען מִיט דִי בָּחוּרִים? וָואס טוּט מֶען מִיט דִי מֵיידְלֶעךְ?' אַלֶע זֶענֶען פַארְלוֹירְן, זֵיי זֶענֶען מוֹדֶה אַז זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, נָאר דֶער רֶבִּי הָאט אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ זֵיי, דִי חִיזוּק פוּן רֶבִּי'ן דָאס הַאלְט זֵיי אוּן דָאס מַאכְט זֵיי פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן.

מַאךְ זִיךְ שִׁיעוּרִים אִין סֵפֶר אֲשֶׁר בַּנַּחַל - בְּרִיוו וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט גֶעשְׁרִיבְּן, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה - בְּרִיוו וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר מְזַכֶּה גֶעוֶועְן צוּ שְׁרַייבְּן דוּרְכְאוֹיס דִי יָארְן וָואס אִיךְ בִּין בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט בְּנֵי הַנְּעוּרִים; דָארְט וֶועסְטוּ זֶען דִי שֵׂכֶל פוּן רֶבִּי'ן, דוּ וֶועסְט הָאבְּן אַ קְלָארְקֵייט אִין יֶעדֶע עִנְיָן, אוֹיף אַלֶע שְׁאֵלוֹת וָואס דִי בָּחוּרִים פְרֶעגְן דִיר וֶועסְטוּ זַיין קְלָאר, דוּ וֶועסְט זֵיי קֶענֶען מְחַיֶּ' זַיין.

שְׁטַארְק זִיךְ, לָאז נִישְׁט אָפּ דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט; הַיינְט אִיז דָאס דִי חָשׁוּבְ'סְטֶע זַאךְ - רֶעדְן מִיט בָּחוּרִים, לֶערְנֶען מִיט זֵיי אוּן אַרַיין לֵייגְן אִין זֵיי אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אֱמוּנַת חֲכָמִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

[דֶער בְּרִיוו צוּ וֶועלְכֶע דִי שְׁאֵלָה בַּאצִיט זִיךְ:

**קֶען אִיךְ אִיבֶּערְזָאגְן אַייעֶרֶע עֵצוֹת, אָן צוּ זָאגְן פוּן וואוּ אִיךְ נֶעם עֶס?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם עוֹסֵק אִין חִינוּךְ מִיט יוּנְגֶע בָּחוּרִים, אִיךְ הֶער אַסַאךְ אוֹיס דִי שִׁיעוּרִים אוּן לֶערְן דִי בְּרִיוו, אוּן אִיךְ נֶעם פוּן דָארְט אַסַאךְ עֵצוֹת וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין אוּן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּ דִי בָּחוּרִים, מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיב אִיךְ מֶעג אִיבֶּערְגֶעבְּן דִי עֵצוֹת אוּן גֶעדַאנְקֶען פוּן דִי שִׁיעוּרִים, אָן צוּ זָאגְן אַז אִיךְ נֶעם דָאס פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

אוֹיךְ וִויל אִיךְ פְרֶעגְן אַזוֹי וִוי בָּחוּרִים קוּמֶען צוּ מִיר כְּסֵדֶר מִיט אַלֶע סָארְט שְׁאֵלוֹת אִין פַארְשִׁידֶענֶע עִנְיָנִים, וִוי נֶעמְט מֶען דִי כֹּחַ אוּן שֵׂכֶל צוּ קֶענֶען עֶנְטְפֶערְן אוֹיף זַאכְן וָואס מֶען

הָאט בִּכְלַל נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן דֶעם פְּרִיעֶר?

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת חֻקַּת-בָּלָק, ו׳ תַּמּוּז, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מֶען זָאל כְּסֵדֶר רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן, מֶען זָאל זֵיי דֶערְצֵיילְן דִי דִיבּוּרִים וָואס עֶר זָאגְט אוּן מֶען דַארְף נִישְׁט זָאגְן פוּן וֶועם מֶען הָאט דָאס גֶעהֶערְט; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: ״וָואס אַרְט מִיר אַז אַ אִיד וֶועט בֶּענְטְשְׁן בִּרְכַּת הַמָּזוֹן עֶרְלִיךְ מִיט כַּוָּונָה, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט וִויסְן אַז דָאס קוּמְט פוּן מִיר״.

דָאס וָואס חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ו, ו): ״כָּל הָאוֹמֵר דָּבָר בְּשֵׁם אוֹמְרוֹ - מֵבִיא גְאֻלָּה לָעוֹלָם״, אַז מֶען זָאגְט עֶפֶּעס נָאךְ אִינֶעם נָאמֶען פוּן וֶועם מֶען הָאט דָאס גֶעהֶערְט - בְּרֶענְגְט מֶען דִי גְאוּלָּה; דָאס אִיז וֶוען עֶס קוּמְט אַרוֹיס פוּן דֶעם אַ גְאוּלָּה, עֶס בְּרֶענְגְט שָׁלוֹם, אָבֶּער אוֹיבּ וֶועט דָאס מַאכְן אַ חוּרְבָּן דַאן אִיז נִישְׁט כְּדַאי צוּ זָאגְן פוּן וֶועם מֶען הָאט עֶס גֶעהֶערְט.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד, עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן מִיט יֶעדְן אֵיינֶעם שֵׁיינֶע זַאכְן פוּן רֶבִּי׳ן; וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט פוּן וואוּ עֶר נֶעמְט דִי שֵׁיינֶע דִיבּוּרִים פְלֶעגְט עֶר זָאגְן אַז דָאס קוּמְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן מְגַלֶּה עֲמֻקּוֹת. עֶר פְלֶעגְט זָאגְן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ: ״דֶער רֶבִּי אִיז דָאךְ מְגַלֶּה עֲמֻקּוֹת, עֶר אַנְטְפְּלֶעקְט טִיפֶע סוֹדוֹת, מִמֵּילָא אִיז דָאס נִישְׁט קַיין לִיגְנְט״.

יֶעצְט וֶועסְטוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז טַאקֶע דֶער פְּשַׁט פוּן דֶעם מַאֲמָר חֲזַ״ל, אַז מֶען זָאגְט עֶפֶּעס נָאךְ אִינֶעם נָאמֶען פוּן וֶועם מֶען הָאט דָאס גֶעהֶערְט בְּרֶענְגְט מֶען דִי גְאוּלָּה; וָואלְטְן זִיךְ אַלֶע מוֹדֶה גֶעוֶוען פוּן וואוּ זֵיי נֶעמֶען זֵייעֶר חִיזּוּק, וָואלְטְן אַלֶע פַארְצֵיילְט פַאר זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים וואוּ דֶער סוֹד לִיגְט בַּאהַאלְטְן - וָואלְט מָשִׁיחַ גֶעקוּמֶען. וַוייל פּוּנְקְט ווִי דוּ נֶעמְסְט שֵׂכֶל, עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן - אַזוֹי אִיז אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; יֶעדֶער לֶעבְּט פוּן רֶבִּי׳ן, יֶעדֶער אִיז זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיטְ׳ן רֶבִּינְ׳ס חִיזּוּק, עֶס אִיז אָבֶּער בְּהֶסְתֵּר, בַּאהַאלְטְן; מֶען שֶׁעמְט זִיךְ מִיטְ׳ן רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי אִיז פַארְשֶׁעמְט; וָואלְט וֶוען יֶעדֶער אֵיינֶער מוֹדֶה גֶעוֶוען פוּן וואוּ

מֶען נֶעמְט דִי חִיזוּק, מֶען וָואלְט נָאכְגֶעזָאגְט דִי דִיבּוּרִים בְּשֵׁם אוֹמְרָם – וָואלְט שׁוֹין גֶעוֶוען דִי גְּאוּלָה.

אוֹיף דַיין צְוֵייטֶע פְרַאגֶע פוּן וואו מֶען נֶעמְט כֹּחַ וְכוּ׳; אוֹיב מֶען וֵוייסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט בְּנֵי הַנְּעוּרִים, בִּפְרַט אִין אוּנְזֶער דוֹר וָואס עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת אוֹיף בָּחוּרִים – נִישְׁט נָאר עֶס נֶעמְט נִישְׁט אַוֶועק קַיין כֹּחַ, פַּארְקֶערְט, מֶען בַּאקוּמְט כֹּחַ פוּן דֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.]

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי וָואס טוּעֶן דִיר טוֹבוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַּמּוּז, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאדַאנְקֶען פַאר דִי וָואס טוּעֶן דִיר טוֹבוֹת, אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס פוּן דַיינֶע קִינְדֶער; זֵיי זִיצְן טָאג אַיין טָאג אוֹיס מִיט דַיינֶע קִינְדֶער פוּן אִינְדֶערפְרִי בִּיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט מִיט אַזַא סַבְלָנוּת, מִיט אַזַא וַוארֶעמְקֵייט, (אוֹיךְ וַוארֶעמְקֵייט פוּן דִי הִיצְן, וַוייל עֶס אִיז נָאךְ נִישְׁט דָא קַיין עִיר קָאנְדִישְׁן). אֲפִילוּ נֶעכְטְן אִינֶעם פַּאסְט טָאג וֶוען אַלֶע חֲדָרִים אוּן מֵיידְל שׁוּלֶעס הָאבְּן נָאר גֶעהַאט חֵדֶר אוּן סְקוּל אַ הַאלְבֶּע טָאג - זֶענֶען זֵיי גֶעזִיצְן אַ גַאנְצְן טָאג מִיט דַיינֶע קִינְדֶער; זָאלְסְטוּ זֵיי שְׁטֶענְדִיג בַּאדַאנְקֶען, עֶס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ וֶוען מֶען דַאנְקְט אַ צְוֵוייטְן.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְסְטוּ דַאנְקֶען דִי אִינְגֶעלַייט וָואס הָאבְּן זִיךְ אַוֶועק גֶעגֶעבְּן אוּן גֶעבְּן זִיךְ אַוֶועק אַז מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע שְׁטֶעטְל. דִי וָואךְ שַׁבָּת וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ כָּשֶׁר׳עֶ מְהוּדָר׳דִיגֶע עֵירוּב, דָאס קוּמְט צוּ פַארְדַאנְקֶען דִי מְסִירוּת נֶפֶשׁ׳דִיגֶע אִינְגֶעלַייט אוּן מְסִירוּת נֶפֶשׁ׳דִיגֶע בָּחוּרִים וָואס הָאבְּן לַאנְגֶע חֳדָשִׁים גֶעאַרְבֶּעט בִּיטֶער שְׁוֶוער אַז דֶער עֵירוּב זָאל קֶענֶען צוּשְׁטַאנְד קוּמֶען.

אוֹיךְ פַאר דִי וָואס אַרְבֶּעטְן בִּיטֶער שְׁוֶוער פַארְ׳ן בֵּית הַתַּבְשִׁיל, עֶס זָאל זַיין שְׁטֶענְדִיג עֶסְן פַאר אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת - זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּאדַאנְקֶען, אוּן אַזוֹי אוֹיךְ פַאר אַלֶע וָואס הֶעלְפְן דִי מוֹסָד אוּן דִי קְהִלָּה זָאלְסְטוּ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## גֶעבְּן אַ נָאמֶען נָאךְ אַ צַדִיק

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת פִּנְחָס, שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

מַזָּל טוֹב, מַזָּל טוֹב! אַזַא נֵס, אַזַא אָפֶּענֶע נֵס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעמַאכְט מִיט אַייךְ! יֶעדֶעס מָאל וָואס אַ קִינְד וֶוערְט גֶעבּוֹירְן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט אִיז דָאס אַ נֵס, כָּל שֶׁכֵּן וֶוען דִי דָאקְטוֹרִים שְׁרֶעקְן אָן וְכוּ׳ וְכוּ׳ אוּן מֶען זֶעט בַּיים סוֹף אַז זֵיי וֵוייסְן גָארְנִישְׁט; זֵיי מֵיינֶען אַז זֵיי זֶענֶען בַּעַל הַבַּיִת, זֵיי מֵיינֶען אַז זֵיי זֶענֶען דִי וָואס גֶעבְּן קִינְדֶער - דֶעמָאלְט זֶעט מֶען קְלָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, מֶען זֶעט דִי כֹּחַ פוּן תְּפִלָּה.

בְּנוֹגֵעַ דִי נָאמֶען וְכוּ׳; אוֹיבּ אַייעֶר מַאן נֵרוֹ יָאִיר וִויל גֶעבְּן אַ נָאמֶען נָאךְ אַ צַדִיק אוּן אוֹיךְ אִיר ווִילְט דָאס, דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע פְּרָאבְּלֶעם אִיז דִי מִשְׁפָּחָה, אִיר הָאט מוֹרָא אַז מֶען וֶועט חוֹזֶק מַאכְן וְכוּ׳ וְכוּ׳ - דַארְפְט אִיר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם, וַוייל חוֹזֶק אִיז נָאר דֶער וָואס אִיז בֶּאֱמֶת אַ חוֹזֶק, אָבֶּער דֶער וָואס פִירְט זִיךְ בִּתְמִימוּת וּבִפְּשִׁיטוּת אִיז קַיין חוֹזֶק נִישְׁט. בַּיים סוֹף זֶעט מֶען וֶוער דֶער חוֹזֶק אִיז; דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען בַּאהָאפְטְן צוּ צַדִיקֵי אֱמֶת - דִי לֶעבְּן אַ חַיִּים טוֹבִים, דִי זֶעעֶן נַחַת פוּן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת כג:): "דְּרָחִים רַבָּנָן", דֶער וָואס הָאט לִיבּ צַדִיקִים, "הֲוֵי לֵהּ בְּנִין רַבָּנָן", דֶער וֶועט הָאבְּן קִינְדֶער צַדִיקִים, "דְּמוֹקִיר רַבָּנָן", דֶער וָואס אִיז מְכַבֵּד צַדִיקִים, "הֲוֵי לֵהּ חַתְנוּתָא רַבָּנָן", וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אֵיידֶעמֶער צַדִיקִים, "דְּדָחִיל מֵרַבָּנָן", אוּן דֶער וָואס הָאט מוֹרָא פוּן צַדִיקִים, עֶר מַאכְט נִישְׁט חוֹזֶק פוּן צַדִיקִים, "הוּא גּוּפֵיהּ הֲוֵי צוּרְבָּא מֵרַבָּנָן", וֶועט אַלֵיינְס וֶוערְן אַ צַדִיק, אַ גְרוֹיסֶער תַּלְמִיד חָכָם.

נֶעמְטְס אַרַיין אִין זִיךְ אַז אִיר הָאט אַלֵיינְס אַ מִשְׁפָּחָה; בְּרִידֶער אוּן שְׁוֶועסְטֶערְס, שְׁוָואגֶערְס אוּן שְׁוֶועגֶערִינְס - זֶענֶען גוּט פַאר מִשְׁפָּחָה אֵיידֶער מֶען הָאט חֲתוּנָה, נָאךְ דִי חֲתוּנָה הֵייבְּט זִיךְ אָן אַ נַייעֶ גֶעשִׁיכְטֶע, מֶען בּוֹיט אַ נַייעֶ מִשְׁפָּחָה; אִיר מִיט אַייעֶר מַאן זֶענֶען יֶעצְט דִי מִשְׁפָּחָה אוּן וִוי לַאנְג אִיר מַאכְט

נִישְׁט חוֹזֵק אֵיינֶער פוּן צְוֶוייטְן אִיז גוּט.

דֶערִיבֶּער זָאלְט אִיר מַחְלִיט זַיין וָואס אִיז גוּט פַאר עֶנְק אוּן נִישְׁט קוּקְן וָואס דִי מִשְׁפָּחָה וֶועט זָאגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט זוֹכֶה זַיין צוּ מְגַדֵּל זַיין דֶעם קִינְד אוּן אַלֶע קִינְדֶער לְתוֹרָה וּלְחֻפָּה וּלְמַעֲשִׂים טוֹבִים, דִי בְּרִית זָאל זַיין אִין צַייט אוּן אִיר זָאלְט זֶען נַחַת בַּיי אַלֶע אַייעֶרֶע קִינְדֶער גֶעזוּנְטֶערְהֵייט צוּזַאמֶען מִיט אַייעֶר טֵייעֶרֶער מַאן.

...

## גֵיין שְׁווימֶען מִיט צְנִיעוּת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ נִישְׁט? דוּ גֵייסְט שְׁווימֶען מִיט דַיינֶע בְּרִידֶער אוּן שְׁוָואגֶערְס וֶוען דִי וַוייבֶּער זֶענֶען דָארְט?! וֶוער אִיז דַיין וֶועג וַוייזֶער - דַיין שְׁוָואגֶער...? עֶר אִיז דַיין וֶועג וַוייזֶער? וָואס עֶר אִיז מַחְלִיט דָאס אִיז רִיכְטִיג?! דוּ הָאסְט שׁוֹין פַארְלוֹירְן דַיין גַאנְצֶע שֵׂכֶל? עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט אַריין אִין קָאפּ אַז תַּלְמִידֵי הַיְשִׁיבָה זָאלְן דָאס נִישְׁט וִויסְן! אֲפִילוּ זֵיי שְׁווימֶען נִישְׁט, זֵיי זִיצְן נָאר דָארְט בַּיי דִי טְרֶעפּ וְכוּ' - אִיז דָאס פְּרִיצוּת, אֲפִילוּ דָאס זָאל זַיין דַיינֶע אֵייגֶענֶע שְׁוֶועסְטֶערְס אִיז דָאס נִישְׁט קַיין צְנִיעוּת, אָפְּגֶערֶעדְט וֶוען דָאס אִיז שְׁוֶועגֶערִינְס, דָאס אִיז אַן עֶקְל אוּן אַ גְרוֹילְ.

וָואס נָאךְ וֵוייסְטוּ נִישְׁט? עֶס אִיז נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ צוּ זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעווּאוּסְט אַז דָאס אִיז אַ פְּרָאבְּלֶעם", וֵויי פַאר דֶעם וָואס וֵוייסְט נִישְׁט דִי א' ב' פוּן צְנִיעוּת; אַז דוּ וֵוייסְט גָארְנִישְׁט, אֲפִילוּ אַזַא זַאךְ - פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט פְרֶעגְן דַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה, דַיין מוֹרֶה דֶרֶךְ, פַאר דוּ גֵייסְט צוּ אַזַא פַארְוֵוילוּנְג, פַאר דוּ טוּסְט עֶפֶּעס אִין לֶעבְּן?

וְוִיפִיל פְּלֶעגְט דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וֵויינֶען אוֹיף דִי וָואס פָארְן אַוֶועק אִין קָאנְטְרִי, מֶען זָאלְן וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אוֹיךְ דָארְט אוּן מֶען דַארְף זִיךְ אוֹיפְפִירְן מִיט יִרְאַת שָׁמַיִם; מֶען פָארְט אַוֶועק פוּן שְׁטָאט

אָבֶער מֶען פָארְט נִישְׁט אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זֶע צוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ מִשְׁנָיוֹת, אוֹיךְ זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, דָאס וֶועט דִיר גֶעבְּן אַ בִּירוּר הַמְדַמֶּה, דוּ וֶועסְט וִויסְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן.

זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד יֶעדְן טָאג; נֶעם אַרָאפּ אַפָּאר מִינוּט וָואס דֶעמָאלְט אִיז אַלֶעס גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן רֶעד זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כג:) דֶער הֵיילִיגֶער אֲמוֹרָא רֶבִּי יוֹנָה, דִי טַאטֶע פוּנֶעם הֵיילִיגְן אֲמוֹרָא רֶבִּי מַנָא, וֶוען עֶר הָאט גֶעוָואלְט גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת פְלֶעגְט עֶר בֶּעטְן זַיינֶע קִינְדֶער: "הָבוּ לִי גוּאַלְקִי", בְּרֶענְגְט מִיר מַיין טַאשְׁקֶע, עֶר הָאט זֵיי אַיינְגֶערֶעדְט אַז עֶר גֵייט מַאכְן בִּיזְנֶעס, "קָאֵי בְּדוּכְתָּא צְנִיעָא", בִּיז דֶערְוַוייל הָאט עֶר זִיךְ בַּאהַאלְטְן אוּן דָארְט פְלֶעגְט עֶר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף וָואס עֶר דַארְף; אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן, זָאג אִין שְׁטוּבּ: "אִיךְ גֵיי מַאכְן בִּיזְנֶעס" אוּן גֵיי עֶרְגֶעץ אִין אַ שְׁטִילֶע גַאס, אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ - אוּן וֵויין זִיךְ אוֹיס צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיט אִים; בֶּעט אִים: "**הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ וִויל לֶעבְּן מִיט דִיר, אִיךְ וִויל לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען; אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען פוּן תַּכְלִית**".

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר וָואס צוּ טוּן נָאר וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ; דוּ בִּיסְט מִיר אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין הַארְץ, וִויל אִיךְ דִיר פִירְן אוֹיף אַ וֶועג דוּ זָאלְסְט זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הָאבְּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת; נֶעם אָן דִי מוּסָר מִיט לִיבְּשַׁאפְט.

...

### אַז מֶען קוּקְט מִיט רַחְמָנוּת אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת פִּנְחָס, שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז דִי שְׁכֵנִים הָאבְּן נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, זֵיי לָאזְן דִי טֶעכְטֶער זִיךְ אַרוּם דְרֵייעֶן נַאקֶעט וְכוּ' - זָאלְט אִיר מִיט אַייעֶר חָכְמַת נָשִׁים שֵׁיין רֶעדְן צוּ זֵיי אוּן זֵיי בֶּעטְן מִיט אַ וֵוייכֶע שְׁפְּרַאךְ אַז אִיר הָאט קִינְדֶער - אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ אוּן אִיר ווִילְט

זַיי אָפְּהִיטְן זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיךְ; אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז אוֹיבּ אִיר וֶועט רֶעדְן שֵׁיינֶערְהֵייט צוּ זֵיי וֶועלְן זֵיי אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוּן אָנְטוּן דִי קִינְדֶער.

אַז מֶען קוּקְט מִיט רַחְמָנוּת אִיז גָאר אַנְדֶערְשׁ; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א׳, סִימָן יח) דֶער וָואס דְרֵייט אִיבֶּער פוּן כַּעַס אוֹיף רַחְמָנוּת אִיז זוֹכֶה צוּ אַ גוּט לֶעבְּן; יֶעדֶעס מָאל מֶען הָאט צוּטוּן מִיט אַ צְוֵוייטְן מֶענְטְשׁ, אוֹיבּ מֶען לֵייגְט אַרַיין אִין דִי מַעֲשֶׂה דָאס וָוארְט "רַחְמָנוּת", דַאן טוּישְׁט זִיךְ דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה.

דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן טוּישְׁט זִיךְ אוֹיבּ מֶען קוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן מִיט רַחְמָנוּת; וֶוען מֶען הָאט צוּטוּן מִיט אַ שְׁוֶוערֶע מֶענְטְשׁ אוּן מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען קֶען עֶס מֶער נִישְׁט נֶעמֶען, דַארְף מֶען טְרַאכְטְן: 'אֵיין מִינוּט, עֶר אִיז דָאךְ אַזַא רַחְמָנוּת, עֶר לַיידְט דָאךְ דָאס מֶערְסְטֶע פוּן זִיךְ אַלֵיין', דֶעמָאלְט פַאלְט אַוֶועק דִי שִׂנְאָה, מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען הָאט נִישְׁט דִי שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּר וָואס דֶער אַנְדֶערֶער הָאט.

הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דִי נִיסִים וָואס עֶר טוּט שְׁטֶענְדִיג מִיט אַייךְ, מִיט אַייעֶר מַאן אוּן מִיט אַייעֶרֶע קִינְדֶער, וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן נָאךְ נִיסִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז דַיין וַוייבּ הָאט מוֹרָא, טָארְסְטוּ נִישְׁט חוֹזֵק מַאכְן פוּן אִיר**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרַט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אַז דַיין וַוייבּ זָאגְט דִיר אַז זִי הָאט מוֹרָא וְכוּ׳ אוּן זִי ווִיל הָאבְּן אַ פְרוֹי (דאוּלֶע) וָואס זָאל שְׁטֵיין מִיט אִיר בִּשְׁעַת דִי לֵידָה, זָאלְסְטוּ נִישְׁט חוֹזֵק מַאכְן פוּן אִיר; דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶערֶעכְט מִיט דֶעם וָואס דוּ זָאגְסְט אִיר: "עֶס אִיז שְׁטוּתִים".

צְווִישְׁן מִיר אוּן דִיר אִיז דָאס אַ פֵיינֶע שְׁטוּת; עֶס אִיז אַ צֶעדְרֵייטֶע זַאךְ וָואס גֶעווִיסֶע פְרוֹיעֶן וָואס זוּכְן גְרִינְג פַּרְנָסָה זֶענֶען אוֹיפְגֶעקוּמֶען דֶערְמִיט, זֵיי זֶענֶען מַסְבִּיר וִוי זִיס, רוּאִיג אוּן גֶעשְׁמַאק עֶס אִיז וֶוען זֵיי שְׁטֵייעֶן צוּ דִי הַאנְט וְכוּ׳ וְכוּ׳; נַאטוּרְלִיךְ כַּאפְּן זִיךְ דִי פְרוֹיעֶן צוּ צוּ דֶעם, וֶוען מֶען רֶעדְט זֵיי אַיין אַז מִיט זֵיי וֶועט

דִי לֵידָה זַיין גְרִינְגֶער, וֶוען זֵיי אַלֵיינְס קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט הֶעלְפְן וְכוּ׳. אָבֶער אַז דַיין ווייב בֶּעט עֶס פוּן דִיר דַארְפְסְטוּ ווִיסְן אַז זִי הָאט שְׁרֶעק, זִי הָאט פַּחַד, זִי הָאט מוֹרָא – זָאלְסְטוּ אִיר בַּארוּאִיגְן.

אַ מַאן וֶועט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס מֵיינְט אַ לֵידָה; מֶענֶער ווֵייסְן נִישְׁט אוּן קֶענֶען נִישְׁט ווִיסְן וָואס אַ פְרוֹי גֵייט אַרִיבֶּער בְּמֶשֶׁךְ דִי אַלֶע חֲדָשִׁים, זֵיי זֶענֶען אֵיין שְׁטִיק שְׁרֶעק, אֵיין שְׁטִיק פַּחַד: ׳וָואס גֵייט זַיין?׳ ׳ווִי אַזוֹי וֶועט עֶס זַיין?׳ מִמֵּילָא דַארְפְסְטוּ אִיר בַּארוּאִיגְן, נִישְׁט חוֹזֵק מַאכְן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען דִי נֵס וָואס עֶר הָאט מִיט דִיר גֶעטוּן, אַז עֶר הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא טֵייעֶרֶע מַתָּנָה – אַ טֵייעֶרֶע וַוייב, אַן אֱמֶתְ׳עֶ אֵשֶׁת חַיִל; זָאלְסְט אִיר נָאר מְחַזֵּק זַיין אוּן אוֹיפְבּוֹיעֶן. מֶערְסְטְנְס קֶענְסְטוּ אִיר זָאגְן: "לָאמִיר נֶעמֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – עֶר זָאל הֶעלְפְן, עֶר זָאל מַאכְן דִי לֵידָה זָאל זַיין גְרִינְג אוּן גֶעזוּנְט"; ווַייל לֵידָה אִיז נָאר אִין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס הֶענְט, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ב.): "מַפְתֵּחַ שֶׁל חַיָּה", אַז דֶער שְׁלִיסְל פוּן הָאבְּן קִינְדֶער לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; נָאר עֶר קֶען הֶעלְפְן אוּן נָאר אוֹיף אִים דַארְף מֶען זִיךְ פַארְלָאזְן.

שְׁטַארְק זִיךְ אִין הַפָּצָה; וֶוען דוּ גֵייסְט הֲפָצָה זָאלְסְטוּ ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז אִין דִי מִינוּטְן וָואס מֶען אִיז עוֹסֵק אִין הֲפָצָה אִיז מֶען בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר חָשׁוּב, מֶען קֶען דֶעמָאלְט פּוֹעֵלְ׳ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת; וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען דוּ כַאפְּסְט אַרַיין אַ בִּזָּיוֹן, מֶען שְׁרֵייט אוֹיף דִיר: "גֵיי דִיר מִיט דִי בְּרֶסְלֶבְ׳עֶ זַאכְן!" "גֵיי דִיר מִיט דִי שֵׁמוֹת!" אוּן נָאךְ אַנְדֶערֶע זִידְלוּנְגֶען וָואס מֶפִיצִים כַאפְּן אַרַיין – זָאלְסְטוּ זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן אוּן דוּ זָאלְסְט נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, נָאר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִיר אוּן פַאר אַנְדֶערֶע אִידְן.

וֶוען מֶען וֶוערְט פַארְשֶׁעמְט אוּן מֶען עֶנְטְפֶערְט נִישְׁט צוּרִיק – אִיז מֶען דֶעמָאלְט זֵייעֶר בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת פח:): "הַנֶּעֱלָבִים וְאֵינָם עוֹלְבִים", דִי וָואס וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט אוּן זֵיי טוּעֶן נִישְׁט צוּרִיק פַארְשֶׁעמֶען, "שׁוֹמְעִים חֶרְפָּתָם וְאֵינָם מְשִׁיבִים", דִי וָואס הֶערְן ווִי מֶען שֶׁענְדְט זֵיי אוּן זֵיי עֶנְטְפֶערְן נִישְׁט צוּרִיק, "עוֹשִׂים מֵאַהֲבָה וּשְׂמֵחִים בְּיִסּוּרִים", דִי וָואס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט לִיבְּשַׁאפְט אוּן פְרֵייעֶן זִיךְ מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן – אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז זֵיי שְׁוֶוער, אוֹיף זֵיי אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק וָואס שְׁטֵייט (שׁוֹפְטִים ה, לא): "וְאֹהֲבָיו כְּצֵאת הַשֶּׁמֶשׁ בִּגְבֻרָתוֹ", זֵיי זֶענֶען בַּאלִיבְּט בַּיים

אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**קוּם נִישְׁט וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל, אוֹיבּ דַיין וַוייבּ וִויל נִישְׁט**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַּמּוּז, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי; אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דוּ זָאלְסְט דָארְט וואוֹינֶען, אִיךְ וַוארְט אוּן אִיךְ הָאף אַז דוּ זָאלְסְט דָא זַיין וָואס שְׁנֶעלֶער.

אָבֶּער אַז דַיין וַוייבּ וִויל נִישְׁט קוּמֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל - זָאלְסְטוּ בְּשׁוּם אֵין פָּנִים וְאוֹפֶן נִישְׁט קוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל; וָואס וֶועסְטוּ טוּן אַז דַיין וַוייבּ וֶועט דִיר זִינְגֶען טָאג אוּן נַאכְט: ״דוּ הָאסְט מִיר אַהֶער גֶעשְׁלֶעפְּט מִיט גֶעוַואלְד״? וָואס וֶועסְטוּ טוּן וֶוען זִי וֶועט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען אַז זִי וואוֹינְט אִין שְׁטֶעטְל בַּאצְוואוּנְגֶענֶערְהֵייט? עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ בְּלַייבְּן וואוֹינֶען וואוּ דוּ וואוֹינְסְט יֶעצְט אוּן הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶע וַוייבּ. אַז זִי וֶועט זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן וֶועסְטוּ אַלֵיינְס מַרְוִיחַ זַיין דֶערְפוּן, זִי וֶועט זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט דִי קִינְדֶער אוּן זִי וֶועט דִיר פְרֵיילִיךְ מַאכְן, אָבֶּער אַז זִי וֶועט וויינֶען טָאג אוּן נַאכְט, אוּן בַּיי יֶעדֶע זַאךְ וָואס וֶועט פֶעלְן אִין שְׁטוּב וֶועט זִי זָאגְן: ״זֶעסְט? וֶועגְן דִיר!״ ״וֶועגְן שְׁטֶעטְל!״ נוּ וָואס פֶעלְט דִיר דָאס אוֹיס?

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זָאלְסְט אִיר נִישְׁט שְׁלֶעפְּן מִיט גֶעוַואלְד; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ זָאלְסְט וִויסְן וָואס צוּ טוּן, דוּ זָאלְסְט זַיין צוּפְרִידְן וואוּ דוּ בִּיסְט.

וַוייז דֶעם בְּרִיװ פַאר דַיין וַוייבּ; זִי זָאל זֶען אַז אִיךְ הֵייס נִישְׁט קוּמֶען אִין שְׁטֶעטְל אוּן אִיךְ בַּאצְוואוּנְג נִישְׁט וואוּ מֶען זָאל וואוֹינֶען, אִיךְ הֵייס מַיינֶע תַּלְמִידִים זָאלְן מְכַבֵּד זַיין דִי וַוייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶס לוֹינְט זִיךְ נִישְׁט צוּ קְרִיגְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר טַייעֶרער לִיבֶּער ..., מַאךְ שָׁלוֹם מִיט דַיין וַוייבּ, קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מִיט אִיר.

וִוי לַאנְג אִיז דֶען דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן? חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חֻלִּין נט.) עֶס אִיז דָא אַ פְלִיג וָואס הֵייסְט "בַקָא" וָואס לֶעבְּט אִינְגַאנְצְן אֵיין טָאג, אַנְשְׁטָאט זִיךְ צוּ פְרֵייעֶן מִיטְ'ן פָּאר - קְרִיגְן זֵיי זִיךְ און בְּלָאזְן אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְווֵייטְן, דִי נְקֵבָה זָאגְט פַארְ'ן זָכָר, "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען וִוי דוּ הָאסְט גֶעבִּיסְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעשְׁוְוימֶען אִין וַואסֶער און דוּ הָאסְט מִיר נִישְׁט גֶערוּפְן אִיךְ זָאל אוֹיךְ הָאבְּן בְּלוּט צוּ עֶסְן, דֶערְפַאר גֵיי אִיךְ נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִיר פַאר זִיבְּן יָאר", זֵיי לֶעבְּן קוֹים אֵיין טָאג אוּן זֵיי קְרִיגְן זִיךְ פַאר זִיבְּן יָאר, אִיז דָא אַ גְרֶעסֶערֶע גֶעלֶעכְטֶער פוּן דֶעם?

אַזַא פָּנִים הָאבְּן דִי וָואס קְרִיגְן זִיךְ; מֶען מֵיינְט אַז מֶען בְּלַייבְּט דָא אוֹיף דִי וֶועלְט פַאר אֵייבִּיג, בְּשְׁעַת דָאס גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אַזוֹי קוּרְץ; בֶּעט אִיבֶּער דַיין וַוייבּ אוּן זַיי נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן וֶוען זִי שְׁרֵייט, נֶעם עֶס נִישְׁט צוּם הַארְצְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַיֶ' מִיט אַייעֶרֶע זִכְרוֹנוֹת פוּן מוֹהֲרָא"שׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד הָרַב ר' ... שְׁלִיטָ"א, יַבְנְאֵל.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דִי בְּרִיוו.

יֶעדֶעס מָאל אִיךְ לֵיין פוּן אַייךְ אַייעֶרֶע חִידוּשִׁים אוּן אַייעֶרֶע זִכְרוֹנוֹת, שְׁמוּעֶסְן אוּן וֶוערְטֶער פוּן מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר הֲנָאָה, אִיךְ וֶוער זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר לִתְשׁוּבָה.

אִיךְ הָאבּ אַייךְ זֵייעֶר לִיבּ; אִיךְ וַוארְט צוּ קוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ קֶענֶען

זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אִינְאֵיינֶעם אוּן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גְרוֹיסֶע אוֹצָר וָואס מִיר הָאבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז דִי תַּלְמִידִים שְׁטַארְקְן זִיךְ, גֶעבְּט דָאס כֹּחַ צוּ גֵיין וַוייטֶער**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, שִׁבְעָה עָשָׂר בְּתַמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן פוּן דִיר, בִּפְרַט אַז דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג אַ בְּלַאט גְמָרָא; אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט פַארְנוּמֶען צוּ בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה גַנְבְ'עֶסְטוּ אַרָאפּ אַפָּאר מִינוּט צוּ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז דוּ הָאסְט אַ חֵלֶק אִין הֲפָצָה מִיט דֶעם וָואס דוּ שִׁיקְסְט אַרוֹיס חִיזוּק יוֹמִי פַאר טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן יֶעדְן טָאג; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע הֲפָצָה, מִיט אֵיין דְרוּק אִין קְנֶעפְּל קוּמְסְטוּ אָן צוּ טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן.

דוּ הָאסְט מִיר זֵייעֶר דֶערְפְרֵיידְט מִיט דַיין בְּרִיוו; הַלְוַאי וָואלְסְטוּ מִיר גֶעשְׁרִיבְּן מֶער. אִיךְ אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער מִיט דִי בָּחוּרִים, אַסַאךְ מָאל קוּמְט מִיר אַרַיין אִין מַחֲשָׁבָה: 'וָואס פֶעלְט מִיר אוֹיס דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֶּעט?' אָבֶער וֶוען אִיךְ הֶער צוּרִיק אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע גְרִיסְן, וֶוען אִיךְ בַּאקוּם בְּרִיוְון פוּן תַּלְמִידִים וואוּ זֵיי שְׁרַייבְּן ווִי זֵיי גֵייעֶן וַוייטֶער אָן אִין לֶעבְּן מִיט דִי לִימוּדִים - גֶעבְּט דָאס מִיר כֹּחַ אוֹיף וַוייטֶער.

אִיךְ וֶועל רֶעדְן מִיט ... נֵרוֹ יָאִיר עֶר זָאל דִיר פְּרוּבִּירְן אַרַיין צוּ שְׁטוּפְּן זָאלְסְט קֶענֶען זַיין מִיט אוּנְז אִינֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אִיךְ הָאף אַז עֶס אִיז נָאךְ דָא בֶּעטְן צוּ דִינְגֶען.

אַ פְרֵייליכְן שַׁבָּת.

...

**צִי מֶען אִיז גְרוֹיס אָדֶער מֶען אִיז קְלֵיין, נָאר זִיךְ דֶערְהַאלְטְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת פִּנְחָס, י״ח תַּמּוּז, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, לִיבֶּע בְּרִידֶער, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם.**

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר אַז אִיר נֶעמְט זִיךְ צַאם יֶעדֶע שַׁבָּת זִיךְ מְחַזֵּק זַיין מִיטְ׳ן רֶבִּינְ׳ס עֵצוֹת; יֶעדְן טָאג דַארְף מֶען פוּן פְרִישׁ עֵצוֹת אוּן חִיזּוּק ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ דֶערְהַאלְטְן, מֶען קֶען נִישְׁט נוּצְן דִי חִיזּוּק פוּן נֶעכְטְן אוֹיף מָארְגְן, יֶעדְן טָאג דַארְף מֶען פוּן פְרִישׁ מְקוֹרָב ווֶערְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תפא): עֶס זֶענֶען זִיךְ אַמָאל צַאמְגֶעקוּמֶען גְרוֹיסֶע שְׁנַיידֶערְס ווָאס הָאבְּן גֶעווָאלְט מַאכְן אַ קְלֵייד פַאר דִי לְבָנָה אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אָפְּמֶעסְטְן דִי מָאס פוּן דִי לְבָנָה, אָבֶּער דִי לְבָנָה ווֶערְט דָאךְ יֶעדְן טָאג אַן אַנְדֶערֶע מָאס - קוֹדֶם ווֶערְט זִי גְרֶעסֶער אוּן גְרֶעסֶער אוּן נָאכְדֶעם ווֶען זִי אִיז שׁוֹין גְרוֹיס הֵייבְּט זִי אָן צוּ ווֶערְן קְלֶענֶער, זֶענֶען גֶעקוּמֶען דִי קְלֵיינֶע שְׁנַיידֶערְס אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי ווֶעלְן פְּרוּבִּירְן וְכוּ׳ הָאבְּן דִי גְרוֹיסֶע שְׁנַיידֶערְס גֶעזָאגְט פַאר דִי קְלֵיינֶע שְׁנַיידֶערְס: ״ווָאס פְּרוּבִּירְט אִיר, מַה דָאךְ מִיר - ווָאס מִיר זֶענֶען דִי גְרֶעסְטֶע שְׁנַיידֶערְס פוּן רוּסְלַאנְד הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט, ווֶעט אִיר קֶענֶען?!״ דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט אוֹיסְגֶעפִירְט דֶעם מָשָׁל.

דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעגֶעבְּן רְשׁוּת צוּ קְנֵייטְשְׁן זַיינֶע סְפָרִים ווִי אַזוֹי מֶען ווִיל - בִּתְנַאי אַז מֶען זָאל נִישְׁט אַוֶועק גֵיין פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ; דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז מִיט דִי מַעֲשֶׂה אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז מֶען קֶען זִיךְ מְסַדֵּר זַיין אַ פַארְזִיכֶערְטֶע ווֶעג ווִי אַזוֹי מִיר ווֶעלְן אֵייבִּיג קֶענֶען זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן. יֶעדֶער ווִיל זִיךְ מַאכְן אַ סֵדֶר ווִי אַזוֹי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן זִיךְ מַאכְן אַ ווֶעג ווִי אַזוֹי צוּ מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, אָבֶּער מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן אַ ווֶעג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען זַיין פַארְזִיכֶערְט אַז אַלֶעס ווֶעט קְלַאפְּן וְכוּ׳, ווַייל אֵיין טָאג גֵייט מֶען אַרוֹיף - מֶען ווֶערְט גְרֶעסֶער, אוּן אֵיין טָאג גֵייט מֶען אַרָאפּ - מֶען ווֶערְט קְלֶענֶער, יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג אִיז דָא פְרִישֶׁע אִיבֶּערְגֵייאַכְטְס, פְרִישֶׁע מְנִיעוֹת אוּן פְרִישֶׁע נִסְיוֹנוֹת ווָאס מֶען דַארְף קֶענֶען אַרִיבֶּער טְרָאגְן.

שְׁטַארְקְט אַייךְ אוּן זַייט זִיךְ מְחַזֵּק; אֲפִילוּ מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אִין אַ טִיפֶע בְּלָאטֶע דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען ווָאס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן

שב): "דֶער עִיקָר אִיז 'מִבֶּטֶן שְׁאוֹל שִׁוַּעְתִּי'"; דָאס וָואס שְׁטֵייט בַּיי יוֹנָה הַנָבִיא (יוֹנָה ב, ג) ווי עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוען דִי פִישׁ הָאט אִים אַייְנְגֶעשְׁלִינְגֶען, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מֶען שְׁפִּירְט ווִי מֶען אִיז אַייְנְגֶעשְׁלִינְגֶען בַּיים יֵצֶר הָרָע, מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין שְׁלֶעכְטֶע מַעֲשִׂים - זָאל מֶען שְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הָאבּ אוֹיף מִיר רַחְמָנוּת; הֶעלְף מִיר! אִיךְ ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד".**

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**

...

## זִיךְ אָפְּגֶעבְן מִיטְ'ן עֵירוּב

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי פְּסָחִים י, ה): **"הַמַתְחִיל בְּמִצְוָה - אוֹמְרִים לוֹ גְמוֹר"**, אַז אֵיינֶער הֵייבְּט אָן טוּן אַ מִצְוָה, זָאגְט מֶען אִים עֶר זָאל עֶס עֶנְדִיגְן; אַז דוּ הָאסְט אַרַיין גֶעלֵייגְט אַזוֹיפִיל כּוֹחוֹת, דוּ הָאסְט אַהֶער גֶעשְׁטֶעלְט אַזַא שֵׁיינֶע עֵירוּב פַאר אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, לִיבֶּערְטִי, בֶּעט אִיךְ דִיר דוּ זָאלְסְט נִישְׁט אַוֶועק גֶעבְן דִי מִצְוָה פַאר קֵיינֶעם, דוּ זָאלְסְט דַיין גַאנְץ לֶעבְן טוּן פַאר דִי עֵירוּב.

אִיךְ הָאבּ אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט דִי מְלַמְדִים זֵיי זָאלְן זַיין דִי בּוֹדְקִים.

בְּנוֹגֵעַ דִי קָאסְטְן וְכוּ'; אִיךְ וֶועל מְחַזֵק זַיין דִי מִשְׁפָּחוֹת פוּן שְׁטֶעטְל אוּן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זֵיי זָאלְן דִיר הֶעלְפְן מִיט דִי קָאסְטְן. דוּ אַלֵיינְס זָאלְסְט בֶּעטְן פוּן צַייט צוּ צַייט וֶוער עֶס ווִיל הָאבְּן אַ חֵלֶק אִינֶעם עֵירוּב.

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן שְׁטַארְק דַיין וַוייבּ זִי זָאל וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט דִי סְקוּל, וַוייל נָאר דִי גוּטֶע זַאכְן וֶועלְן מִיר מִיט נֶעמֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## װער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן װען דוּ זֶעסְט אַז דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אָן אִין עֶרְגֶעץ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ״ב תַּמּוּז, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער בְּרוּדֶער ... נֵרוֹ יָאִיר, יְרוּשָׁלַיִם.**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיװ.

זַיי נִישְׁט פַּארְלוֹירְן אַז דוּ שְׁפִּירְסְט װי דוּ קְרִיכְסְט אוֹיף דִי גְרָאדֶע װענְט, אַזוֹי װי דוּ שְׁרַייבְּסְט: ״אִיךְ פִּיל זִיךְ עֶפֶּעס אוֹיסְגֶעטְרוּקֶנְט אוּן דֶערְוַוייטֶערְט״.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט לָאזְן דֶערְוַוייטֶערְן; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק א׳, סִימָן כה): ״וּבָזֶה טוֹעִין הַחֲסִידִים הַרְבֵּה, שֶׁפִּתְאֹם נִדְמֶה לָהֶם שֶׁנָּפְלוּ מֵעֲבוֹדַת ה׳״, אִין דֶעם זֶענֶען זִיךְ דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן טוֹעֶה, װען זֵיי זֶעעֶן װי זֵיי פְּרוּבִּירְן צוּ זַיין גוּט אוּן עֶרְלִיךְ אוּן פְּלוּצְלִינְג פַּאלְט מֶען אַרָאפּ אִין אַ יְרִידָה, עֶס דַאכְט זִיךְ זֵיי אַז זֵיי זֶענֶען אַרָאפְּגֶעפַאלְן, זָאגְט דֶער רֶבִּי - ״וּבֶאֱמֶת אֵין זֶה נְפִילָה כְּלָל, רַק מֵחֲמַת שֶׁצְּרִיכִין לַעֲלוֹת מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה, וְאָז מִתְעוֹרְרִין וּמִתְגַּבְּרִין מֵחָדָשׁ הַקְּלִיפּוֹת, שֶׁהֵם הַתַּאֲווֹת וְהַבִּלְבּוּלִים וְהַדִּמְיוֹנוֹת וְהַמַּחֲשָׁבוֹת וְהַמְּנִיעוֹת כַּנַּ״ל, עַל כֵּן צְרִיכִין לְהִתְגַּבֵּר בְּכָל פַּעַם מֵחָדָשׁ״, אַז בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נִישְׁט קֵיין נְפִילָה, דָאס אִיז נָאר אַ דִמְיוֹן וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ װען עֶר אִיז מַצְלִיחַ אוּן עֶר קֶען שׁוֹין גֵיין וַוייטֶער אִין דִי קְדוּשָׁה, דֶעמָאלְט מַאכְט עֶר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל הָאבְן חֲלִישׁוּת הַדַעַת, סְפֵיקוֹת אוּן מְנִיעוֹת וְכוּ׳, אָבֶער מֶען טָאר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דֶעם נָאר וַוייטֶער דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר, אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר װער נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן פוּן דֶעם וָואס דוּ זֶעסְט אַז עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַסַאךְ צַייט אוּן דוּ מוּטְשֶׁעסְט זִיךְ אוּן דוּ קוּמְסְט נִישְׁט אָן, דוּ שְׁפִּירְסְט װי דוּ טַאפְּסְט אַ וַואנְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, וַוייל דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן מח): ״כְּשֶׁאָדָם נִכְנָס בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם, אֲזַי הַדֶּרֶךְ שֶׁמַּרְאִין לוֹ הִתְרַחֲקוּת, וְנִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מִלְמַעְלָה וְאֵין מַנִּיחִין אוֹתוֹ כְּלָל לִכָּנֵס לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם״, אַזוֹי גֵייט עֶס װען מֶען וִויל װערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דֶער מֶענְטְשׁ שְׁפִּירְט װי קֵיינֶער דַארְף אִים נִישְׁט, עֶר הָאט שְׁטַארְקֶע רַאֲיוֹת אַז מֶען דֶערְוַוייטֶערְט אִים; אָבֶער - פִּירְט דֶער רֶבִּי אוֹיס: ״וּבֶאֱמֶת כָּל הַהִתְרַחֲקוּת הוּא רַק כֻּלּוֹ הִתְקָרְבוּת״, דָאס אִיז נָאר אַ װעג װי אַזוֹי מֶען וִויל דֶערְנֶענְטֶערְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיב דֶער מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ, דַאן

וֶועט עֶר אַלֶעס אַרִיבֶּער גֵיין און עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס אִיז נָאר פַּארְהַאן.

טְרַאכְט נִישְׁט אַז דָאס אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר אִיז נִישְׁט אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַלֶע צַדִּיקִים; יֶעדֶער אֵיינֶער דַארְף אַרִיבֶּער גֵיין דֶעם נִסָּיוֹן פַּאר מֶען עֶפְנְט אִים אוֹיף דִי טִיר. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן יב): "הָיָה נִדְמֶה לוֹ תָּמִיד שֶׁאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל וְאֵין שׁוֹמְעִין לוֹ כְּלָל", וֶוען עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעדַאכְט אַז מֶען הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס אוֹיבְן אִין הִימְל וָואס עֶר בֶּעט, און אַז קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים, "רַק אַדְּרַבָּא, נִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּכָל מִינֵי הַרְחָקוֹת וּכְאִלּוּ אֵין רוֹצִין בּוֹ כְּלָל וּכְלָל", פַּארְקֶערְט, ווִי מֶער עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים אַלְץ מֶער גֶעדַאכְט ווִי מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, "כִּי הָיָה רוֹאֶה שֶׁחוֹלְפִין וְעוֹבְרִין כַּמָּה וְכַמָּה יָמִים וְשָׁנִים וַעֲדַיִן הוּא רָחוֹק מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְלֹא זָכָה עֲדַיִן לְשׁוּם הִתְקָרְבוּת", וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶס גֵייעֶן פַּארְבֵּיי אַסַאךְ יָארְן און עֶר הָאט נָאכְאַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶערְשְׁטְן, "עַל כֵּן נִדְמָה בְּעֵינָיו שֶׁאֵין שׁוֹמְעִין דְּבָרָיו כְּלָל, וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, רַק אַדְּרַבָּא, מַרְחִיקִין אוֹתוֹ בְּכָל מִינֵי הִתְרַחֲקוּת מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ", דֶערְפַאר הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אַדְרַבָּה עֶס הָאט אִים אוֹיסְגֶעזֶען ווִי מֶען שְׁטוּפְּט אִים אַוֶועק פוּן דִי קְדוּשָׁה, "אַךְ אַף עַל פִּי כֵן הָיָה מְחַזֵּק עַצְמוֹ מְאֹד, וְלֹא הִנִּיחַ אֶת מְקוֹמוֹ", מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט און נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. "וְכַמָּה פְּעָמִים הָיָה שֶׁהָיָה נוֹפֵל בְּדַעְתּוֹ מֵחֲמַת זֶה שֶׁרָאָה שֶׁהוּא מִתְפַּלֵּל וּמַעְתִּיר וּמְפַצִּיר כָּל כָּךְ שֶׁיִּתְקָרֵב לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, וּמֵחֲמַת זֶה נָפַל לִפְעָמִים בְּדַעְתּוֹ וְלֹא הָיָה מְדַבֵּר עוֹד כָּל כָּךְ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ אֵיזֶה יָמִים", אַסַאךְ מָאל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט בַּיים רֶבִּי'ן אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, זֶעעֶנְדִיג אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ גֶעדַאוֶונְט און גֶעבֶּעטְן אָבֶּער עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, און עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, "אַחַר כָּךְ נִזְכַּר בְּעַצְמוֹ וְהִתְבַּיֵּשׁ בְּעַצְמוֹ עַל שֶׁהִרְהֵר אַחַר מִדּוֹתָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ חַנּוּן וְרַחוּם וְכוּ', וּבְוַדַּאי הוּא רוֹצֶה לְקָרְבוֹ וְכוּ', וְחָזַר וְנִתְחַזֵּק בְּדַעְתּוֹ וְהִתְחִיל שׁוּב לְהַעְתִּיר וּלְדַבֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל", בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעכַאפְּט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן און עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט אַז עֶר הָאט נָאכְגֶעלָאזְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, הָאט עֶר צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם

אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְכֵן הָיָה כַּמָּה פְּעָמִים", אַזוֹי אִיז גֶעוָוען אַסַאךְ מָאל, עַיֵּין שָׁם.

אִיךְ בִּין זֵייעֶר פַארְנוּמֶען אִין דִי יֶעצְטִיגֶע טֶעג, דָאךְ הָאבּ אִיךְ דִיר גֶעשְׁרִיבְּן וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיר לִיבּ; מַיין הַארְץ אִיז גֶעקְנִיפְּט מִיט דַיין הַארְץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פָארְן זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג אִין שְׁטֶעטְל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ'ן זַיין אַזוֹי גֶעטְרֵיי, דוּ הֶעלְפְסְט אַ גַאנְץ יָאר דִי מוֹסָד מִיטְ'ן בְּרֶענְגֶען אוּן אַהֵיים טְרָאגְן דִי קִינְדֶער אוּן יֶעצְט זוּמֶער הָאסְטוּ אַרָאפּ גֶענוּמֶען פוּן מִיר דֶעם עוֹל פוּן טְרָאגְן דִי קִינְדֶער - אִינְגְלֶעךְ, מֵיידְלֶעךְ אוּן בָּחוּרִים; אִין דֶעם זְכוּת זָאלְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ טְרֶעפְן אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט פָארְן זֵייעֶר פָארְזִיכְטִיג דָא אִין שְׁטֶעטְל; עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה צוּ פָארְן שְׁנֶעל, וַוייל קִינְדֶער שְׁפִּילְן זִיךְ אוֹיפְ'ן גַאס אוּן מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפּ קְלַאפְּן אַ קִינְד הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ. אִיךְ ווִיל מֶען זָאל פָארְן נִישְׁט מֶער ווִי צְוָואנְצִיג מַייל אַ שָׁעָה, אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט טוּן מַיין ווִילְן.

גֶעבּ אִיבֶּער פַאר אַלֶע בָּחוּרִים וָואס קוּמֶען דָא מִיט קַארְס אַז זֵיי זָאלְן פָארְן שְׁטַייט אוּן פָארְזִיכְטִיג, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין קִינְדֶער שְׁפִּיל.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שַׁ"ס בְּמֶשֶׁךְ דֶעם זוּמֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט ווִי גֶעפְּלַאנְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ דַאנְק דִיר פַארְ'ן אַרַיין נֶעמֶען דִי קִינְדֶער בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ פַאר דִי זוּמֶער וָואכְן; עֶס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן, מְנַדֵּב זַיין דַיין דִירָה פַאר

דִי קִינְדֶער דוּרְכְאוֹיס דִי זוּמֶער וָואכְן.

וֶוען מֶען אִיז מְקַיֵים אַ מִצְוָה בִּפְרַט וֶוען מֶען שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אָן, מֶען טוּט אַ מִצְוָה אוּן עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער - דַארְף מֶען עֶס טוּן בְּשִׂמְחָה, וַוייל אוֹיב מֶען טוּט עֶס נִישְׁט מִיט שִׂמְחָה אִיז דֶער מִצְוָה פֶּעלֶערְדִיג. דִי שְׂכַר וָואס מֶען בַּאקוּמְט אוֹיף מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים אִיז אוֹיף דִי חֵשֶׁק אוּן פְרֵייליכְקֵייט.

וֶוער נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוען זַאכְן גֵייעֶן דִיר נִישְׁט וִוי גֶעפְּלַאנְט; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן פב): "וְזֶה שֶׁאָנוּ רוֹאִים שֶׁלִּפְעָמִים הוֹלֵךְ לְהָאָדָם שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר", דָאס וָואס מֶען זֶעט אַז אַלֶעס גֵייט פַארְקֶערְט וִוי מֶען ווִיל, "שֶׁאוֹמֵר: אֲנָא אֶמְלֹךְ, בָּזֶה הוּא מְחַלֵּק וּמַפְרִיד אוֹתָהּ מֵהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא", דָאס קוּמְט צוּלִיב דֶעם וָואס דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט: "אִיךְ ווִיל!" אוּן עֶר טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וּכְשֶׁהוּא מְחַלֵּק אֶת מַלְכוּת לְעַצְמוֹ, אֲזַי הוֹלֵךְ לוֹ שֶׁלֹּא כְּסֵדֶר", אוּן אַז מֶען טֵיילְט זִיךְ אָפּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן גֵייט אַלֶעס פַארְקֶערְט וִוי מֶען ווִיל; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מְבַטֵּל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ ווִיל גָארְנִישְׁט, אִיךְ ווִיל נָאר טוּן דַיין ווִילְן" - דֶעמָאלְט הֵייבְּט אַלֶעס אָן גֵיין אִין דִי גוּטֶע וֶועג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט נִישְׁט פַיינְט הָאבְּן דָאס שְׁטֶעטְל**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס מוּז זַיין אַז דוּ הָאסְט אַסַאךְ שְׁלֶעכְטְס אִין דִיר, עֶס קָאכְט אִין דִיר דַיין עָבַר - דַיינֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ דַארְפְסְט פַארְרֶעכְטְן, וַוייל דִי אַלֶע טַעֲנוֹת וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר אוּן וָואס דוּ רֶעדְסְט מִיט חֲבֵרִים וֶועגְן דִי שְׁטֶעטְל הָאט נִישְׁט קַיין הֶענְט אוּן קַיין פִיס; עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין שׁוּם סִיבָּה פַארְוָואס עֶס זָאל דִיר שְׁטֶערְן דִי שְׁטֶעטְל. דִי טַעְנָה וָואס דוּ זָאגְסְט אַז דִי מוֹסָד אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג וֶועט צֶעפַאלְן - אִיז זֵייעֶר לֶעכֶערְלִיךְ. אִיךְ זֶע נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן עֶפֶּעס אִין דִיר אוֹיף דִי אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס שִׁיקְן נִישְׁט דִי קִינְדֶער פוּן אָנְהֵייבּ אָן אִין

אוּנְזֶער הֵיילִיגֶע מוֹסָד אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג, אִיךְ זֶע נִישְׁט אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן עֶפֶּעס אַ פַּיינְטְשַׁאפְט צוּ דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס וואוֹינֶען נִישְׁט אִין ווילְיַאמְסְבּוּרְג, אִיךְ זֶע נִישְׁט אַז עֶס זָאל דִיר שְׁטֶערְן דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס צִיעֶן זִיךְ קַיין דְזֶשֶערְזִי סִיטִי, מָאנְסִי, סְטֶעטְן אֵיילֶענְד וְכַדוֹמֶה, נָאר וֶוען מֶען רֶעדְט פוּן שְׁטֶעטְל הֵייבְּט אָן גֵיין פַייעֶר פוּן דִיר; וֶוען דוּ רֶעדְסְט פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ טַייעֶרֶע מִשְׁפָּחוֹת וָואס צִיעֶן זִיךְ אַרוֹיס קַיין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי - צִינְדְט זִיךְ אָן אִין דִיר אַ בְּלִינְדֶע פַּיינְטְשַׁאפְט וָואס הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם זִין.

אִיךְ מוּז דִיר זָאגְן אָפְן, עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ הֶער פוּן אַנְדֶערֶע וִוי דוּ רֶעדְסְט מִיט אַ פַּיינְטְשַׁאפְט אוֹיף דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל; דוּ וֵוייסְט אַז נָאךְ אַבִּיסְל פָּארְן מִיר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וואוּ מִיר וֶועלְן זַיין אִינְאֵיינֶעם אַלֶע תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אוּן דוּ וֵוייסְט וָואס מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט אוֹיסְרוּפְן פַאר תְּקִיעַת שׁוֹפָר גֶעשְׁטִיקְט מִיט טְרֶערְן: "אִיךְ בֶּעט יֶעדְן אֵיינֶעם, אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט פַּיינְט אַ צְוֵוייטְן זָאל עֶר מִיר טוּן אַ טוֹבָה אוּן אַרוֹיס גֵיין פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ"; אִיךְ גֶעדֶענְק וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דָאס גֶעזָאגְט, עֶס קְלִינְגְט מִיר נָאךְ אִין אוֹיעֶר דִי וֶוערְטֶער בִּיזְ'ן הַיינְטִיגְן טָאג, אִיךְ גֶעדֶענְק דָאס הִתְעוֹרְרוּת, דָאס גֶעוֵויין וָואס הָאט גֶעהֶערְשְׁט בִּשְׁעַת מַעֲשֶׂה, אִיךְ גֶעדֶענְק דִי הִרְהוּרֵי תְּשׁוּבָה וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט גֶעהַאט אוּן מִיט דֶעם לֶעבּ אִיךְ אַ גַאנְץ יָאר.

אוֹיבּ דוּ וֶועסְט תְּשׁוּבָה טוּן, דוּ וֶועסְט זִיךְ אוֹיסְוֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ קֶענֶען זַיין מִיט אוּנְז דֶעם קוּמֶענְדִיגְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה; אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט זַיין אִין אוּנְזֶער חֲבוּרָה, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט אָנְהַאלְטְן דִי פַּיינְטְשַׁאפְט, דוּ וֶועסְט נִישְׁט קוּקְן אִין דִי אוֹיגְן פוּן דִי מִשְׁפָּחוֹת וְכוּ', זָאג אִיךְ דִיר קְלָאר אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט קוּמֶען דַאוֶוענֶען בַּיי אוּנְז. מִיר דַארְפְן נִישְׁט קַיין עוֹלָם, מִיר זוּכְן נִישְׁט קַיין סַאךְ מֶענְטְשְׁן, מִיר דַארְפְן אַ חֲבוּרָה וָואס מֶען הָאט זִיךְ לִיבּ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן.

אִיךְ הָאבּ לִיבּ אַלֶע אִידְן אוּן נָאךְ מֶער אַלֶע בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אוּן דִיר הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ; אָבֶּער יֶעצְט וֶוען דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר דִי לַאנְגֶע מְגִילָה פוּל מִיט הַאס, מוּז אִיךְ דִיר זָאגְן אָפְן: "אָדֶער טוּסְטוּ תְּשׁוּבָה, דוּ בֶּעטְסְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיר מוֹחֵל זַיין אוֹיף דַיין עָבַר אוּן רֵיין מַאכְן דַיין הַארְץ זָאלְסְט זַיין אֱמֶתְ'דִיג מִיט זִיךְ אַלֵיינְס, אָדֶער זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּמֶען מֶער צוּ

מִיר".

מִיר קֶענְסְטוּ נִישְׁט סְטְרַאשֶׁען אוּן פוּן מִיר קֶענְסְטוּ גָארְנִישְׁט צוּנֶעמֶען; אִיךְ דַארְף גָארְנִישְׁט, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ ווִיל גָארְנִישְׁט. מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן לֶעבְּן אוּן מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל עֶפֶענֶען אַ יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ גֶעפָּאלְגְט מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ; אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט צוּ הֶערְן אוּן צוּ זִינְגֶען פוּן אַלֶע זַייטְן - פוּן אִינֶעוֵוייְנִיג אוּן פוּן אִינְדְרוֹיסְן, אָבֶער גָארְנִישְׁט הָאט מִיר אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט פוּן צוּ טוּן ווָאס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט.

אַז אִיךְ וֶועל דִיר נָאר שְׁרַייבְּן אֵיין פְּרָאצֶענְט פוּן ווָאס אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער - וֶועסְטוּ מִיר אוֹיךְ נִישְׁט גְלֵייבְּן; מֶען הָאט מִיר פַארְשֶׁעמְט אִין אַלֶע גַאסְן, מֶען הָאט אוֹיסְגֶעוָוארְפְן זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל פַּאשְׁקֶעוִוילְן קֶעגְן מִיר אִין אַלֶע גַאסְן, עֶס זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען גַאנְצֶעטֶע הֶעפְטְן מִיט לָשׁוֹן הָרָע אוּן הוֹצָאַת שֵׁם רַע אוֹיף מִיר אוּן מַיין מִשְׁפָּחָה, עֶס זֶענֶען פָארְגֶעקוּמֶען גְרוֹיסֶע הַפְגָּנוֹת אוּן פְּרָאטֶעסְטְן קֶעגְן מִיר אִין דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט דוּרְךְ מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן, בַּאזוּנְדֶער אִיז פָארְגֶעקוּמֶען הַפְגָּנוֹת פוּן פְרוֹיעֶן; בְּמֶשֶׁךְ אַ ווָאךְ צַייט אִין אֵיין צֵי זֶענֶען פָארְגֶעקוּמֶען פְּרָאטֶעסְטְן אִין פָארְנְט פוּן מַיין שְׁטוּבּ, יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען פְרוֹיעֶן מִיט גְרוֹיסֶע שִׁילְדְן (סַיינְס) קֶעגְן מִיר אוּן קֶעגְן מַיין ווַייבּ תִּחְיֶ', מֶען הָאט אַרוֹיס גֶעוָוארְפְן מַיינֶע קִינְדֶער פוּן דִי מוֹסְדוֹת וואוּ זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט, מֶען הָאט גֶערוּפְן טָאג אוּן נַאכְט סְטְרַאשֶׁען מַיין ווַייבּ אוּן מַיין מִשְׁפָּחָה, מֶען הָאט מִיר אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן פוּן בָּתֵּי מֶדְרָשִׁים; אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעקֶענְט גֵיין אַ שְׁטִיק צַייט אִין מִקְוֶה, אוּן וֶוען אִיךְ בִּין שׁוֹין יָא גֶעגַאנְגֶען בַּאהַאלְטֶענֶערְהֵייט הָאט מֶען הָאט מִיר אָנְגֶעגָאסְן מַיינֶע וֶועשׁ אִין מִקְוֶה. אִיךְ הָאבּ גֶעכַאפְּט מַכּוֹת; מֶען הָאט מִיר צֶעבְּלוּטִיגְט - אֵיינְמָאל אִין גַאס אוּן אֵיינְמָאל בַּיי אַ חֲתוּנָה. וֶוען אִיךְ פְלֶעג גֵיין אוֹיף שְׂמְחוֹת פוּן גָאר נָאנְטֶע מִשְׁפָּחָה אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט וואוּנְטְשְׁן מַזָּל טוֹב הָאט מֶען מִיר נִישְׁט צוּרִיק גֶעגֶעבְּן דִי הַאנְט.

שְׁפֶּעטֶער הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ פַּרְשָׁה מִיט דִי שְׁטָאט; מֶען הָאט גֶע'מַסְר'ט דִי יְשִׁיבָה אַז אִיךְ הַייס בָּחוּרִים זִיךְ נֶעמֶען דָאס לֶעבְּן, מֶען הָאט מִיר גֶערוּפְן אוֹיף חֲקִירוֹת וּדְרִישׁוֹת; טֶעג אוּן ווָאכְן הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין מְנוּחָה פוּן דִי פַאלְשֶׁע מְסִירוֹת. שְׁפֶּעטֶער הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ פַּרְשָׁה מִיט רַבָּנִים, מֶען הָאט מִיר גֶערוּפְן צוּ דִין תּוֹרָה'ס אוּן מֶען הָאט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְקוּמֶען מִיט אַ חֵרֶם אוֹיף דִי יְשִׁיבָה.

אַזוֹי אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעלִיטְן פוּן אִינֶעוֵוייניג, אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הָאט מֶען מִיר זֵייעֶר וֵויי גֶעטוּן; רוֹב חֲבֵרִים וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעדְרֵיידְט אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ הָאבְּן אוֹיפְגֶעהֶערְט רֶעדְן מִיט מִיר, עֶס אִיז בַּיי מִיר מְקוּיָם גֶעוָוארְן דֶער פָּסוּק וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ וֵוינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן (תְּהִלִּים מא, י): "גַּם אִישׁ שְׁלוֹמִי אֲשֶׁר בָּטַחְתִּי בוֹ", מַיינֶע נָאנְטֶע פְרֵיינְד, "אוֹכֵל לַחְמִי", נָאנְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן גֶעגֶעסְן מַיין בְּרוֹיט, מַיין גֶעלְט, מַיין גֶעהַאלְט, - "הִגְדִּיל עָלַי עָקֵב", זֶענֶען גֶעוָוארְן מַיינֶע פַיינְט, זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט צוּ מוֹהֲרָא"שׁ שְׁלֶעכְטְס אוֹיף מִיר; עֶס הָאט גֶעפֶעלְט אַ הָאר, עֶס אִיז גֶעוֶוען "כְּפֶשַׂע בֵּינִי וּבֵין הַמָּוֶת", עֶס זָאל וֶוערְן אַ פִּירוּד חַס וְשָׁלוֹם צְוִוישְׁן מִיר אוּן מוֹהֲרָא"שׁ.

אוּן נָאךְ אַסַאךְ אַסַאךְ, וָואס מֶען קֶען נִישְׁט אָנְהֵייבְּן צוּ שְׁרַייבְּן - וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר; מִיט דֶעם אַלֶעם הָאבּ אִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעטְרַאכְט פוּן אָפְּלָאזְן דִי אַרְבֶּעט. בַּיי מִיר אִיז גֶעוֶוען אַ וָוארְט פוּן מַיין הֵיילִיגֶער רֶבִּי וָואס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ שְׁלִיחוּת צוּ טוּן - אַ וָוארְט.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דָאס אַלֶעס כְּדֵי דוּ זָאלְסְט וִויסְן אַז מִיר קֶענְסְטוּ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן; קֶענְסְט פְּרוּבִּירְן אָבֶּער עֶס וֶועט דִיר נִישְׁט גֵיין. וֶוען מֶען ווִיל מִיר צֶעבְּרֶעכְן מַאכְט מֶען מִיר נָאר שְׁטֶערְקֶער, וַוייל וֶוען עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף מִיר שְׁוֶוערִיקֵייטְן גֵיי אִיךְ צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וֵויין זִיךְ גוּט אוֹיס אוּן אִיךְ בֶּעט אִים עֶר זָאל מִיר הֶעלְפְן, דוּרְכְדֶעם וֶוער אִיךְ נָאר מֶער מְחוּזָק. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל עֶפֶּעס - קֶען מֶען אִים שְׁטֶערְן, מֶען קֶען אִים אוּנְטֶערְלֵייגְן פִּיסְלֶעךְ וְכוּ' וְכוּ', אָבֶּער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל גָארְנִישְׁט, דַארְף גָארְנִישְׁט אוּן הָאט גָארְנִישְׁט - קֶען מֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קסב): דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעבֶּעטְן דַיינֶע תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן מְקַרֵב זַיין אַ גֶעווִיסֶער אִיד אַן עוֹשֶׁר, שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק אִיז עֶר גֶעוָוארְן אַן אָרֶעמַאן, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער מַגִּיד גֶעזָאגְט "חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא כה:) 'הָרוֹצֶה שֶׁיַּעֲשִׁיר - יַצְפִּין', וֶוער עֶס ווִיל רַייךְ וֶוערְן זָאל זִיךְ שְׁטֶעלְן אוֹיף צָפוֹן זַייט 'הָרוֹצֶה שֶׁיַּחְכִּים - יַדְרִים', אוּן וֶוער עֶס ווִיל קְלוּג וֶוערְן זָאל זִיךְ שְׁטֶעלְן אוֹיף דָרוֹם זַייט, קוּמְט אוֹיס אַז דֶער אִיד - אֵיידֶער עֶר אִיז מְקוֹרָב גֶעוָוארְן צוּ עֲבוֹדַת הַשֵּׁם אִיז עֶר גֶעוֶוען אוֹיף צָפוֹן זַייט, אִיז עֶר גֶעוֶוען רַייךְ, אָבֶּער יֶעצְט וֶוען עֶר אִיז אַרִיבֶּערְגֶעקוּמֶען אוֹיף דָרוֹם זַייט, עֶר

אִיז גֶעוָוארְן אַן עֶרְלִיכֶע אִיד, אַ חָכָם - קֶען עֶר שׁוֹין נִישְׁט זַיין אוֹיף צָפוֹן זַייט", זָאגְט דֶער רֶבִּי: "דָאס אִיז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל עֶפֶּעס, וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פַּארְנֶעמְט פְּלַאץ אוֹיף דִי וֶועלְט - דֶעמָאלְט קֶען עֶר זַיין נָאר אִין אֵיין פְּלַאץ, אָדֶער צָפוֹן אָדֶער דָּרוֹם, וָואס אִיז אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ ווִיל גָארְנִישְׁט? דֶעמָאלְט פַּארְנֶעמְט עֶר נִישְׁט קַיין פְּלַאץ אוֹיף דִי וֶועלְט, דֶערִיבֶּער קֶען עֶר זַיין סֵיי קְלוּג אוּן סֵיי רַייךְ", אַזוֹי ווִי מִיר גֶעפִינֶען בַּיי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, דִי תּוֹרָה זָאגְט (בַּמִּדְבָּר יב, ג): "וְהָאִישׁ מֹשֶׁה עָנָו מְאֹד מִכֹּל הָאָדָם אֲשֶׁר עַל פְּנֵי הָאֲדָמָה", מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער עָנָיו; וָואס מֵיינְט אַן עָנָיו? אַז עֶר הָאט נִישְׁט פַּארְנוּמֶען קַיין פְּלַאץ אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּיי זִיךְ גָארְנִישְׁט; אַזַא אֵיינֶער - זָאגְט דֶער רֶבִּי - קֶען זַיין רַייךְ אוּן קְלוּג.

אַזוֹי אִיז וֶוען מֶען קְרִיגְט אוֹיף אֵיינֶעם, מֶען ווִיל אִים צֶעבְּרֶעכְן; כָּל זְמַן דֶער מֶענְטְשׁ ווִיל עֶפֶּעס קֶען מֶען אִים צֶעבְּרֶעכְן, אָבֶער אַז דֶער מֶענְטְשׁ ווִיל גָארְנִישְׁט, עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט תּוֹפֵס מָקוֹם - דֶעמָאלְט קֶען מֶען אִים גָארְנִישְׁט טוּן.

אִיךְ וֶועל ווַייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט מַיין שְׁלִיחוּת, אוֹיפְשְׁטֶעלְן מוֹסְדוֹת פַּאר בָּחוּרִים אִינְגְלֶעךְ אוּן מֵיידְלֶעךְ אוּן כּוֹלְלִים פַּאר אַבְרֵכִים, אִיךְ וֶועל ווַייטֶער גֶעבְּן שִׁיעוּרִים פַּאר אִינְגֶעלַייט אוּן פְרוֹיעֶן, זֵיי בְּרֶענְגֶען נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֵיי ווַייזְן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי זֵיי זָאלְן קֶענֶען לֶעבְּן אוֹיף דִי וֶועלְט, זֵיי זָאלְן לִיבּ הָאבּ דִי תּוֹרָה, אוּן אַלֶע וָואס שְׁטֶערְן מִיר אוּן לֵייגְן מִיר אוּנְטֶער פוּסְלֶעךְ - מַאכְן מִיר נָאר שְׁטֶערְקֶער, זֵיי הֶעלְפְן מִיר מִיט מַיין הִתְבּוֹדְדוּת, זֵיי שְׁטוּפְּן מִיר נָאכְאַמָאל צוּרִיק צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז פָּארְט אַן אַנְדֶערֶע הִתְבּוֹדְדוּת וֶוען מֶען וֶוערְט גֶעשְׁטֶערְט וְכוּ' וְכוּ'.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר נָאר ווַייל אִיךְ טְרַאכְט אַז אִיךְ וֶועל קֶענֶען עֶפֶענֶען דִי בְּלִינְדֶע טִפְּשׁוּת וָואס אִיז דָא בַּיי דִיר אוֹיפְ'ן שְׁטֶעטְל.

מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועלְן מִיר מַצְלִיחַ זַיין סֵיי מִיט אוּנְזֶער מוֹסָד אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג אוּן סֵיי מִיטְ'ן מוֹסָד אִין שְׁטֶעטְל, אוּן אִיךְ הָאף צוּ גֵיין ווַייטֶער אוּן ווַייטֶער. אִיךְ זִיץ שׁוֹין מִיט ר' ... נֵרוֹ יָאִיר דֶער מְנַהֵל הַמּוֹסָד ווִי אַזוֹי אוֹיסְצוּשְׁטֶעלְן דִי קְלַאסְן פַארְ'ן קוּמֶענְדִיגְן יָאר, אוּן מִיט דִי מְנַהֶלֶת תִּחְיֶ'; בְּשָׁעַת דוּ שְׁרַייבְּסְט מִיר דַיין לַאנְגֶע מְגִילָה, זִיץ אִיךְ מִיטְ'ן מְנַהֵל אוּן מְנַהֶלֶת ווִי אַזוֹי אוֹיסְצוּשְׁטֶעלְן דִי כִּיתּוֹת פַארְ'ן קוּמֶענְדִיגְן יָאר, מִיר לֵייגְן אַרַיין כּוֹחוֹת אַרוֹיס צוּ גֶעבְּן עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג גוּט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ״ג תַּמּוּז, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַ אִיד הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעגֶערֶעדְט פַאר׳ן רֶבִּי׳ן אוֹיף זַיין שְׁוֶוערֶע לֶעבְּן, עֶר הָאט גֶעהַאט אַסַאךְ טַעֲנוֹת אוֹיפ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט אִים דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט דִי שִׂיחָה (חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן, סִימָן תנב): ״גָאט אִיז תָּמִיד גוּט״; אוּן מִיט דִי פָּאר וֶוערְטֶער הָאט אִים דֶער רֶבִּי מְחַיֶּה גֶעוֶוען אוּן אִים אַוֶועק גֶענוּמֶען אַלֶע זַיינֶע קַשְׁיוֹת.

אִיךְ הָאף אַז דִי קְלֵיינֶע שִׂיחָה וֶועט דִיר גֶעבְּן כֹּחַ דוּרְךְ צוּ שְׁטוּפְּן נָאךְ אֵיין טָאג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## אִין דִי זוּמֶער וָואכְן קֶענְסְטוּ אוֹיפְבּוֹיעֶן דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פָּרָשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ״ג תַּמּוּז, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

עֶס אִיז נִישְׁט צוּם בַּאגְרֵייפְן דַיין זְכוּת אוֹיבְן אִין הִימְל מִיט דֶעם וָואס דוּ גֶעבְּסְט זִיךְ אָפּ מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, דוּ מַאכְסְט זֵיי פְרֵיילִיךְ; בִּפְרַט דִי קִינְדֶער וָואס קוּמֶען פוּן צֶעבְּרָאכֶענֶע שְׁטוּבֶּער הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ.

דִי פָּאר וָואכְן וָואס דִי קִינְדֶער זֶענֶען נִישְׁט אִין שְׁטוּבּ קֶענְסְטוּ זֵיי אוֹיפְבּוֹיעֶן פַאר זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן; דִי קִינְדֶער וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין שְׁטוּבּ וַוארְטְן אַ גַאנְץ יָאר אוֹיף דִי פָּאר זוּמֶער וָואכְן צוּ קֶענֶען זַיין אִין אַ וַוארֶעמֶע פְּלַאץ מִיט אַ לִיבְּלִיכֶער מְלַמֵּד וָואס וֶועט אִים פַארְשְׁטֵיין אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זַיינֶע גֶעפִילְן.

אִין דֶעם זְכוּת וָואס דוּ בִּיסְט אַזוֹי גֶעטְרֵיי פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶועט דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְן נִיסִים מִיט דִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מְשַׁמֵּשׁ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אִיז נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטְ'עֶ זַאךְ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרֶער זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּ דַיין וַוייבּ תִּחְיֶ', זִי אִיז מַסְכִּים אַז דוּ זָאלְסְט אִיבֶּער נֶעכְטִיגְן אַ גַאנְצֶע נַאכְט מְשַׁמֵּשׁ זַיין זֵיידִי שְׁלִיטָ"א.

וֶוען מֶען רוּפְט דִיר אָן בֶּעטְן זָאלְסְט קוּמֶען זַיין אַ גַאנְצֶע נַאכְט מְשַׁמֵּשׁ זַיין זֵיידִי שְׁלִיטָ"א - זָאלְסְטוּ דָאס טוּן, וַוייל מְשַׁמֵּשׁ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַ צַדִיק - אִיז נִישְׁט קַיין פָּשׁוּטְ'עֶ זַאךְ, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת ז:): "גְּדוֹלָה שִׁמּוּשָׁהּ יוֹתֵר מִלִּמּוּדָהּ"; עֶס אִיז חָשׁוּבְ'עֶר דָאס בַּאדִינֶען אַ תַּלְמִיד חָכָם אוּן צַדִיק - וִוי דָאס לֶערְנֶען תּוֹרָה בַּיי אַ תַּלְמִיד חָכָם.

עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הֶערְשׁ מְרִימְנוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ וֶוערְן אַזוֹי גְרוֹיס נָאר פוּן דֶעם וָואס עֶר הָאט מְשַׁמֵּשׁ גֶעוֶועְן זַיין גְרוֹיסֶער רֶבִּי, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מֶענְדְל מְרִימְנוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; זֶעט מֶען צוּ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין וֶוען מֶען בַּאדִינְט אַ צַדִיק.

וֶוען מֶען דְרֵיידְט זִיךְ נֶעבְּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד; מֶען זֶעט וִוי אַזוֹי עֶר עֶסְט, וִוי אַזוֹי עֶר שְׁלָאפְט אוּן וִוי אַזוֹי עֶר גֵייט אָן אִין לֶעבְּן - לֶערְנְט מֶען זִיךְ אוֹיס וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאגְן אַז מֶען קֶען מֶער נִתְעוֹרֵר וֶוערְן וֶוען מֶען לֶערְנְט עַלִים לִתְרוּפָה, דִי בְּרִיוו וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעשְׁרִיבְּן וִוי וֶוען מֶען לֶערְנְט לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת; וַוייל דָארְט זֶעט מֶען דֶער לֶעבְּן, וִוי רֶבִּי נָתָן לֶעבְּט זַיין לֶעבְּן מִיט אַ תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, מַה שֶּׁאֵין כֵּן וֶוען מֶען לֶערְנְט לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת טְרֶעפְט מֶען זִיךְ אָן מִיט טִיפֶע חִידוּשִׁים. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען מֶען זֶעט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד וִוי עֶר לֶעבְּט אִין שְׁטוּב מִיט אַ דְבֵיקוּת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּאגְלֵייט דָאס דֶעם מֶענְטְשׁ זַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶענוּמֶען דוּרְכְאוֹיס דִי אַלֶע יָארְן וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ מְשַׁמֵּשׁ זַיין זֵיידִי, דֶער קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב שְׁלִיטָ"א; אִיךְ הָאף אַז דוּ

ווֶעסְט הָאבְּן דִי זְכִיָה וָואס מֶער אִים מְשַׁמֵּשׁ זַיין, ווֶעסְטוּ בַּאקוּמֶען אַסַאךְ יִרְאַת שָׁמַיִם.

צוּ הֶערְן אֵיינְמָאל ווִי אַזוֹי זֵיידִי, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רַב שְׁלִיטָ"א לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע, מִיט אַזַא זִיסְקַייט, מִיט אַזַא גֶעשְׁמַאק - פַּאר דֶעם אַלֵיין לוֹינְט זִיךְ צוּ גֵיין. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת הַצְלָחָה, סִימָן יח): "לְהַצְלָחָה תִּשְׁמַע כְּשֶׁהַצַּדִּיק אוֹמֵר יִחוּד הַשֵּׁם, הַיְנוּ שְׁמַע יִשְׂרָאֵל", ווֶוען מֶען הֶערְט ווִי אַזוֹי אַ צַדִיק לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע הָאט מֶען הַצְלָחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## טוּן וָואס דֶער דָאקְטֶער זָאגְט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ'.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַ פְרוֹי פְרֶעגְט מוֹהֲרָא"שׁ אַייעֶר שְׁאֵלָה; זִי פְרֶעגְט אוֹיבּ זִי זָאל נֶעמֶען עֶפִּידוּרֶעל, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ עֶנְטְפֶערְט אִיר (שו"ת בְּרֶסְלֶב, מִכְתָּב ה'תקמח): "אִם הָרוֹפֵא מַמְלִיץ עַל זֶה, צְרִיכִים לַעֲשׂוֹת אֶת זֶה בְּלִי שׁוּם שְׁאֵלָה כְּלַל", אוֹיבּ דֶער דָאקְטֶער הַאלְט אַז מֶען זָאל דָאס טוּן זָאל מֶען דָאס טוּן אָן קַיין שׁוּם שְׁאֵלָה, "וּבִדְבָרִים כָּאֵלּוּ צְרִיכִים לְצַיֵּת אֶת הָרוֹפֵא", מֶען זָאל פָאלְגְן דֶעם דָאקְטֶער.

עֶס אִיז זֵייעֶר ווִיכְטִיג אִיר זָאלְט זָאגְן יֶעדְן טָאג נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים; דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת, אוֹת צַדִּיק, חֵלֶק ב', סִימָן כ): "עַל יְדֵי הַזְכָּרַת שֵׁמוֹת הַצַּדִּיקִים יְכוֹלִים לְהָבִיא שִׁנּוּי בְּמַעֲשֵׂה בְרֵאשִׁית, כְּלוֹמַר לְשַׁנּוֹת הַטֶּבַע", דוּרְכְ'ן דֶערְמַאנֶען דִי נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים קֶען מֶען טוּישְׁן דִי טֶבַע, זָאלְט אִיר זָאגְן כְּסֵדֶר דִי נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים וָואס אִיר גֶעדֶענְקְט אוֹיסְנְווֵיינִיג, צוּם בֵּיישְׁפִּיל: אַבְרָהָם, יִצְחָק, יַעֲקֹב, מֹשֶׁה, אַהֲרֹן, יוֹסֵף, דָוִד אוּן שְׁלֹמֹה, רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי, רֶבִּי יִצְחָק לוּרְיָא אַשְׁכְּנַזִי, רֶבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל שֵׁם טוֹב, רֶבִּי נַחְמָן בֶּן פֵיגָא מִבְּרֶסְלֶב, רֶבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב וְכוּ' וְכוּ', אוּן נָאךְ נֶעמֶען פוּן צַדִיקִים וָואס מֶען גֶעדֶענְקְט, אוּן נָאכְדֶעם זָאלְט אִיר זָאגְן דִי תְּפִלָּה:

"יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ אָבִי שֶׁבַּשָּׁמַיִם, הֶעלְף מִיר הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז אִין דִי

זְכוּת וָואס אִיךְ הָאבּ דֶערְמַאנְט דִי נֶעמֶען פוּן דִי צַדִּיקִים; בִּזְכוּת זֵייעֶר תּוֹרָה, זֵייעֶרֶע מַעֲשִׂים טוֹבִים אוּן זֵייעֶר מְסִירַת נֶפֶשׁ, ווִי זֵיי הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶועזְן פַאר דַיינֶעט וֶועגְן, זָאלְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ גְרִינְגֶע לֵידָה, אִיךְ זָאל גֶעבּוֹירְן גְרִינְג אַ גֶעזוּנְט קִינְד בְּרַמַ"ח אֵיבָרִים וּשְׁסָ"ה גִידִים; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל זִיךְ נִישְׁט מוּטְשֶׁען בַּיים הָאבְּן דָאס קִינְד, אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן אַלֶעס זָאל אַרִיבֶּער גֵיין גְרִינְג.

רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זוֹכָה זַיין צוּ הָאבְּן עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער וָואס וֶועלְן טוּן דַיין ווִילְן זֵייעֶר גַאנְצֶע לֶעבְּן, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זַיין גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן, אִיךְ זָאל אֵייבִּיג טוּן נָאר גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס דוּ וֶועסְט הָאבְּן פוּן דֶעם אַ נַחַת רוּחַ, יִהְיוּ לְרָצוֹן אִמְרֵי פִי וְהֶגְיוֹן לִבִּי לְפָנֶיךָ, יְ"יָ צוּרִי וְגוֹאֲלִי, אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שִׁיק מִיר נָאךְ קְמֵעוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

שִׁיק מִיר אַרוֹיס אִין שְׁטֶעטְל דְרַייסִיג קְמֵעוֹת; עֶס זֶענֶען דָא אַסַאךְ קִינְדֶער אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין קְמֵעוֹת. אִיךְ ווִיל זֵיי אַלֶע גֶעבְּן קְמֵעוֹת זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן מִיט אַ שְׁמִירָה עֶלְיוֹנָה.

אִיךְ וֶועל דִיר בַּאצָאלְן דֶערוֹיף.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## עֶנְדִיגְן דִי שֶׁענְק אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ג תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן בּוֹיעֶן דִי סְפָרִים שֶׁענְק אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִין קִרְיַת

בְּרֶסְלֶב; אַז מֶען אַרְבֶּעט פַאר׳ן רֶבִּי׳ן אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה צוּ פַארְרֶעכְטְן וָואס מִיר דַארְפְן פַארְרֶעכְטְן.

דוּ קֶענְסְט דָאךְ דִי מַעֲשֶׂה מִיטְ׳ן בֶּענְקֶל, אַ אִיד הָאט אַמָאל גֶעבְּרֶענְגְט אַ בֶּענְקֶל פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן פַאר אַ מַתָּנָה, הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט: "וִויפִיל צַייט הָאט דִיר גֶענוּמֶען צוּ מַאכְן דֶעם בֶּענְקֶל?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַ הַאלְבֶּע יָאר", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט: "דוּ הָאסְט גֶעאַרְבֶּעט אַ גַאנְצְן טָאג בְּמֶשֶׁךְ אַ הַאלְבֶּע יָאר דָאס צוּ מַאכְן?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "נֵיין, יֶעדְן טָאג אַ שָׁעָה צַייט הָאבּ אִיךְ גֶעבּוֹיט דֶעם בֶּענְקֶל", הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אָנְגֶערוּפְן: "אַזוֹי! דוּ הָאסְט מִיר אִינְזִין גֶעהַאט אַ הַאלְבּ יָאר אַלֶע טָאג אַ שָׁעָה..." דֶער רֶבִּי הָאט מֶער הַנָאָה גֶעהַאט פוּן דֶעם פְּרַט אַז דֶער אִיד הָאט גֶעטְרַאכְט פוּן אִים מֶער וִוי עֶר הָאט הַנָאָה גֶעהַאט פוּנֶעם בֶּענְקֶל אַלֵיינְס; דָאס אַלֵיינְס אַז מֶען טְרַאכְט פוּן אַ צַדִיק - בְּרֶענְגְט פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ אַלֶע יְשׁוּעוֹת.

דָאס זֶעלְבֶּע בֶּעט אִיךְ דִיר אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט עֶנְדִיגְן דִי שֶׁענְק, עֶס דַארְף נִישְׁט זַיין אִין אֵיין טָאג, קֶענְסְט מַאכְן יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אֵיין קוּק וֵוייניגֶער אִיז אֵיין בְּרִי וֵוייניגֶער פַאר דִי נְשָׁמָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ״ד תַּמּוּז, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט גֶעוואוֹינְט אוֹיפְ׳ן גַאס וואוּ עֶס הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען דֶער מַארְק, עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאלְטְן דִי פֶּענְסְטֶער אוּן דִי פִירְהַאנְג פַארְמַאכְט אוּן עֶר אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם פֶענְסְטֶער קוּקְן וָואס טוּט זִיךְ אִין גַאס. אֵיינְמָאל זִיצְנְדִיג אִין שְׁטוּב בְּשַׁעתְ׳ן שְׁרַייבְּן חִידוּשֵׁי תּוֹרָה הָאט עֶר גֶעהֶערְט הוֹיכֶע קוֹלוֹת פוּן גַאס - מֶער וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ, הָאט עֶר אַרָאפּ גֶעלֵייגְט דֶעם פֶּעדֶער אוּן גֶעוָואלְט גֵיין קוּקְן וָואס עֶס גֵייט פָּאר, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט צוּ גֵיין קוּקְן, הָאט עֶר אָנְגֶעכַאפְּט דֶעם טִישׁ אוּן גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ אַלֵיין: "נָתָן נָתָן... אֵיין קוּק וֵוייניגֶער אוֹיף דִי וֶועלְט - אִיז פָּארְט בֶּעסֶער", אוּן עֶר הָאט זִיךְ צוּרִיק

אַרָאפּ גֶעזֶעצְט.

וֶוען דוּ גֵייסְט אִין גַאס אוּן דוּ הָאסְט אַ נִסָּיוֹן צוּ קוּקְן - זָאלְסְטוּ זִיךְ דֶערְמַאנֶען דֶעם וָוארְט וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "אֵיין קוּק וֶוייניגֶער אוֹיף דִי וֶועלְט - אִיז פָּארְט בֶּעסֶער"; אֵיין קוּק וֶוייניגֶער אִיז אַ בְּרֵי וֶוייניגֶער פַּאר דִי נְשָׁמָה.

"חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק!" אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט קֶענֶען מִיט זָאגְן דִי וָואךְ שַׁבָּת בַּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה מִיטְ'ן גַאנְצְן עוֹלָם: "חֲזַק חֲזַק וְנִתְחַזֵּק"; אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י מִיטְ'ן תַּרְגוּם, וֶוען עֶס קוּמְט סוֹף סֵפֶר זֶעט מֶען וָואס מֶען הָאט אִין דִי הַאנְט, מֶען הָאט נָאךְ אַ סֵפֶר פוּן דִי חֲמִשָּׁה חוּמְשֵׁי תּוֹרָה; וֶוען מֶען פְרֶעגְט: "חֲמִשָּׁה מִי יוֹדֵעַ?" קֶען מֶען עֶנְטְפֶערְן: "חֲמִשָּׁה אֲנִי יוֹדֵעַ", אִיךְ הָאבּ חוּמָשׁ אִין דִי הַאנְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**שְׁטַארְק זִיךְ בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז וַוייטֶער צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ד תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

שְׁטַארְק זִיךְ אוּן וֶוער נִישְׁט צֶעפַּאלְן, מִיר זֶענֶען שׁוֹין אִיבֶּער גֶעקוּמֶען שְׁוֶוערֶע וַואסֶערְן; דֶערְמַאן זִיךְ דִי אַלֶע יָארְן וָואס דוּ הֶעלְפְסְט מִיר אַזוֹי גֶעטְרֵיי, פוּן וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי יְשִׁיבָה שְׁטֵייסְטוּ מִיר צוּ דִי הַאנְט, דוּ הָאסְט מִיטְגֶעהַאלְטְן אַלֶע שְׁוֶוערֶע וַואסֶערְן וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז, דַארְפְסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן צֶעפַּאלְן וֶוען צְוֵויי אִינְגֶעלַייט דֶערְשְׁרֶעקְן דִיר וְכוּ'.

שְׁטַארְק זִיךְ בְּיֶתֶר שְׂאֵת וּבְיֶתֶר עוֹז וַוייטֶער צוּ הֶעלְפְן דִי מוֹסְדוֹת; זֶע צוּ צָאלְן דִי מְלַמְּדִים אוּן טִיטְשֶׁערְס, זֵיי אַרְבֶּעטְן אַזוֹי גֶעטְרֵיי אוּן אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן - דַארְפְן מִיר זִיךְ זֵייעֶר אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אַז זֵיי זָאלְן קֶענֶען בַּאקוּמֶען זֵייעֶר גֶעהַאלְט אִין צַייט.

בְּנוֹגֵעַ דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס שְׁפֶּעטְן פוּן דִיר וֶוען דוּ בֶּעסְט שְׂכַר לִימוּד; בֶּעט אִיךְ דִיר, וֶוער נִישְׁט צֶעפַּאלְן פוּן קֵיינֶעם. דוּ טוּ דַיינְס; וֶוער עֶס הָאט דִי זְכִיָּה, וֶוער עֶס אִיז אַן עֶרְלִיכֶער אִיד - וֶועט דִיר צָאלְן אוּן אַז נִישְׁט וֶועט דִי יְשׁוּעָה קוּמֶען פוּן אַן אַנְדֶערֶע וֶועג. אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּינְ'ס אֵיינִיקְל וֶוען עֶר הָאט

אִים גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִים הֶעלְפְן בּוֹיעֶן דֶעם קְלוֹיז: "דֶעם רֶבִּינְ׳ס זַאךְ וֶועט זִיךְ סַיי ווִי אוֹיסְפִּירְן, שֶׁענֶער אוּן בֶּעסֶער וֶועט זַיין אַז דָאס וֶועט קוּמֶען דוּרְךְ דִיר".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## הֶעלְף אַרוֹיס צוּרִיקְבַּאקוּמֶען דִי גֶעגַנְבְ׳טֶע גֶעלְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ״ד תַּמּוּז, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט הֶעלְפְן דִי אָפִּיס, אֵיינֶער הָאט גֶעגַנְבְ׳עֶט גְרוֹיסֶע גֶעלְטֶער; זָאלְסְטוּ אָנְרוּפְן דִי בַּאנְק אוּן טוּן אַלֶעס אַז מִיר זָאלְן צוּרִיק בַּאקוּמֶען דָאס גֶעלְט.

זַיי פַארְבִּינְדְן מִיט ... נֵרוֹ יָאִיר.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## טוּ אַלֶעס וָואס דוּ קֶענְסְט אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ה׳ פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ״ה תַּמּוּז, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

גֶעבּ אַכְטוּנְג אוֹיף דַיין שָׁלוֹם בַּיִת, זֵיי זִיךְ מְבַזֶה אַבִּי דַיין שְׁטוּבּ זָאל בְּלַייבְּן גַאנְץ; זָאלְסְט טוּן אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אַז דַיין שָׁלוֹם בַּיִת זָאל זַיין גוּט, דַיין שְׁטוּבּ זָאל נִישְׁט צַאמְפַאלְן.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (וַיִּקְרָא רַבָּה, פָּרָשָׁה ט, סִימָן ט): "רַבִּי מֵאִיר הֲוָה יָתִיב וְדָרִישׁ בְּלֵילֵי שַׁבַּתָּא, הֲוָה תַּמָּן חָדָא אִתְּתָא יַצִּיבָא וְשָׁמְעָה לֵיהּ תָּנְתָא מִדְרָשָׁא", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ פְרוֹי וֶועלְכֶע פְלֶעגְט גֵיין יֶעדְן פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְ׳ס צוּם שִׁיעוּר פוּנֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס, "אַמְתִּינַת עַד דִיחֲסַל מִמִּדְרָשׁ", אֵיין וָואךְ הָאט דֶער תַּנָא רֶבִּי מֵאִיר אַרַיינְגֶעצוֹיגְן דִי שִׁיעוּר אַבִּיסְל שְׁפֶּעט אוּן דִי פְרוֹי הָאט גֶעטְרַאכְט אַז זִי וֶועט אוֹיסְוַוארְטְן בִּיז עֶר עֶנְדִיגְט דֶעם שִׁיעוּר. "אָזְלָה לְבֵיתָהּ,

אַשְׁכְּחָא בּוּצִינָא טָפֵי", וֶוען זִי אִיז אַהֵיים גֶעקוּמֶען אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען טוּנְקֶל אִין שְׁטוּבּ, דִי לִיכְט הָאבְּן זִיךְ שׁוֹין גֶעהַאט אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, "אֲמַר לָהּ בַּעְלָהּ, אָן הֲוֵית", וֶוען אִיר מַאן הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט וואוּ זִי אִיז גֶעוֶוען, "אָמְרָה לֵיהּ אֲנָא יָתִיבָא וְשָׁמְעָה קָלֵיהּ דָרוֹשָׁה", הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: בַּיים שִׁיעוּר פוּן הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי מֵאִיר, "אֲמַר לָהּ כֵּן וְכֵן לָא אִעַיְּלַתְּ לְהָכָא עַד דַאֲזַלְתְּ וְרוֹקַת בְּאַנְפֵּי דָרוֹשָׁה", אִיר מַאן אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ, אַ כַּעֲסָן, אַ לֵץ; הָאט עֶר אִיר גֶעזָאגְט: 'דוּ קֶענְסְט נִישְׁט אַרַיין קוּמֶען אִין שְׁטוּבּ בִּיז ווִילַאנְג דוּ גֵייסְט נִישְׁט שְׁפַּייעֶן אוֹיפְ'ן פָּנִים פוּנֶעם בַּעַל דַרְשָׁן', אוּן עֶר הָאט פַארְמַאכְט דִי טִיר. "יְתִיבָא שַׁבַּתָּא קַמַּיְיתָא תִּנְיָנָא וּתְלִיתָא, אֲמָרִין לָהּ מְגִירָתָא כַּדּוּ אַתּוּן צְהִיבִין, אֲתֵינָן עִמָּךְ לְגַבֵּי דָרוֹשָׁה", דִי פְרוֹי אִיז גֶעוֶוען אַ עֶרְלִיכֶע פְרוֹי אוּן זִי הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'עֶנְדֶערְשׁ וֶועל אִיךְ בְּלַייבְּן אִינְדְרוֹיסְן ווִי אֵיידֶער מְבַזֶּה זַיין דֶעם הֵיילִיגְן תַּנָא רֶבִּי מֵאִיר', אוּן זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ חַבְרְ'טֶע שְׁלָאפְן.

אַזוֹי זֶענֶען אַרִיבֶּער אַפָּאר וָואכְן וָואס זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען צֶעטֵיילְט. דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס הָאט דָאס גֶעזֶען מִיט רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, הָאט עֶר אַרוֹיס גֶעלָאזְט אַ שְׁמוּעָה אַז זַיין אוֹיג טוּט אִים וֵויי, עֶר שְׁפִּירְט ווִי עֶס בְּרֶענְט אִים, אוּן עֶר בֶּעט אַז וֶוער עֶס קֶען לוֹחֵשׁ זַיין אוֹיף דֶעם זָאל קוּמֶען צוּ אִים. (אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַזַא סָארְט רְפוּאָה, אַז מֶען פְלֶעגְט שְׁפַּייעֶן אוֹיפְ'ן אוֹיג אוּן זָאגְן עֶפֶּעס וֶוערְטֶער, אוּן אַזוֹי אִיז מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן).

וֶוען דִי חַבֶרְ'טֶעס פוּן דִי פְרוֹי הָאבְּן דָאס גֶעהֶערְט הָאבְּן זֵיי אִיר גֶעזָאגְט: "גֵיי שְׁפֵּיי אַרַיין אִין רֶבִּי מֵאִירְ'ס אוֹיג, אַזוֹי וֶועט דַיין מַאן מַאכְן שָׁלוֹם מִיט דִיר". אַזוֹי הָאט זִי גֶעטוּן, זִי אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ רֶבִּי מֵאִיר, אוּן רֶבִּי מֵאִיר הָאט אִיר גֶעפְרֶעגְט: "דוּ קֶענְסְט לוֹחֵשׁ זַיין"? הָאט זִי זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן אוּן גֶעזָאגְט דֶעם אֱמֶת אַז זִי קֶען נִישְׁט. הָאט אִיר רֶבִּי מֵאִיר גֶעזָאגְט: "אֲפִלּוּ הָכֵי, רוּקִי בְּאַנְפִּי שְׁבַע זִמְנִין וַאֲנָא מִינְשִׁים", אֲפִילוּ דוּ קֶענְסְט נִישְׁט לוֹחֵשׁ זַיין שְׁפֵּיי אַרַיין זִיבְּן מָאל אוֹיף מַיין פָּנִים, אַזוֹי וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַ רְפוּאָה, "עָבְדָה הָכִין", אוּן זִי הָאט אַזוֹי גֶעטוּן, "אֲמַר לָהּ אִיזִילִי אִמְרִי לְבַעֲלִיךְ אַתְּ אֲמַרְתְּ חֲדָא זִימְנָא וַאֲנָא רָקֵית שְׁבַע זִימְנִין", הָאט אִיר רֶבִּי מֵאִיר גֶעזָאגְט: גֵיי אַהֵיים אוּן זָאג פַאר דַיין מַאן: "דוּ הָאסְט מִיר גֶעהֵייסְן שְׁפַּייעֶן אֵיינְמָאל, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּיגְן זִיבְּן מָאל".

הָאבְּן דִי תַּלְמִידִים גֶעפְרֶעגְט פוּן רֶבִּי מֵאִיר: רֶבִּי, כְּבוֹד הַתּוֹרָה! פַארְוָואס הָאט אוּנְז נִישְׁט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעהֵייסְן זִי זָאל שְׁפַּייעֶן

אוֹיפְ'ן רֶבִּי'ן, מִיר וָואלְטְן אִים מְסַדֵּר גֶעוֶוען עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט וַוייגְן אַזוֹינְס צוּ טוּן?! "אֲמַר לְהוּ לָא דַּיּוֹ לְמֵאִיר לִהְיוֹת שָׁוֶה לְקוֹנוֹ, דְּתָנֵי רַבִּי יִשְׁמָעֵאל גָּדוֹל שָׁלוֹם שֶׁשֵּׁם הַגָּדוֹל שֶׁנִּכְתַּב בִּקְדֻשָּׁה אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִמָּחֶה עַל הַמַּיִם בִּשְׁבִיל לְהַטִּיל שָׁלוֹם בֵּין אִישׁ לְאִשְׁתּוֹ", הָאט רֶבִּי מֵאִיר גֶעזָאגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל אוֹיסְמֶעקְן זַיין נָאמֶען אַבִּי צוּ מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז רֶבִּי מֵאִיר'ס נָאמֶען זָאל אוֹיסְגֶעמֶעקְט וֶוערְן אַבִּי צוּ מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ"; זֶעט מֶען וִוי חָשׁוּב עֶס אִיז אַז עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ.

אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם סִיפּוּר אַ לִימּוּד לְעוּבְדָא וּלְמַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן אִין שְׁטוּב אַז דַיין שְׁטוּב זָאל נִישְׁט צַאמְפַּאלְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זַיי מְוַותֵּר**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, כ"ה תַּמּוּז, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין גַאנְצֶע כֹּחַ צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת; דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר אָנְגֶעוָוארְנְט מִיר זָאלְן זַיין שַׁבָּת זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ. קוּק וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן יז): "צָרִיךְ לִזָּהֵר מְאֹד לִהְיוֹת שָׂמֵחַ וְטוֹב לֵב בְּשַׁבָּת, כִּי מַעֲלוֹת וּקְדֻשּׁוֹת שַׁבָּת גְּדוֹלָה וִיקָרָה מְאֹד", מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ שַׁבָּת, "וְהַכְּלָל, שֶׁצָּרִיךְ לִנְהֹג שִׂמְחָה גְּדוֹלָה בְּשַׁבַּת קֹדֶשׁ, וְלִבְלִי לְהַרְאוֹת שׁוּם עַצְבוּת וּדְאָגָה כְּלָל, רַק לְהִתְעַנֵּג עַל ה'", שַׁבָּת טָאר מֶען נִישְׁט וַוייזְן קַיין שׁוּם עַצְבוּת, מֶען דַארְף אַרוּם גֵיין אַ גַאנְצְן צַייט מִיט אַ שְׁמֵייכְל.

דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם וֵוייסְט אַז שַׁבָּת אִיז אַ צַייט וָואס אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר מַאכְט עֶר אַז עֶס זָאל זַיין מַחְלֹקֶת אִין אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער צְווִישְׁן מַאן אוּן וַוייבּ, מֶען צֶעאַמְפֶּערְט זִיךְ צוּלִיבּ שְׁטוּתִים וַהֲבָלִים, בִּיז מֶען גֵייט אַרַיין אִין שַׁבַּת קוֹדֶשׁ צֶעקְרִיגְטֶערְהֵייט.

הָאבּ שֵׂכֶל און זֵיי מְוַותֵּר; זוּךְ נִישְׁט צוּ זַיין גֶעַרֶעכְט, זוּךְ וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט אִיבֶּער בֶּעטְן און אָנְהֵייבְּן פוּנְדָאסְנֵיי אַ פְּרִישֶׁע בְּלֶעטְל, וֶועט דִיר גוּט זַיין.

אַ פְּרֵיילִיכְן שַׁבָּת.

...